STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04146

DARVINIZM UN ZAYN TEORYE

Y. Blumshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

No. 1—2

זאַמלונג „פאָלקסבילדונג״

I

דר. י. בלומשטיין.

דאַרווינניזם און זיין טעאָריע

(אַ פּאָפּולער וויסענשאַפטליכער שמועס)

II

פּראָפ. ג. רוה.

מאַן־און ווייב־לעבען ביי די חיות

פרייז 20 סענט.

ארויסגעגעבען פון
פערלאַג „פאָלקסבילדונג״
הויפּט־פערקויף ביי דעם „ליטעראַרישען פערלאַג״
256 איסט בראָדוויי, ניואָרק
1915.

„ס׳איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין גאונים.
אין יעדען גאון איז פאַרהאַן בלויז צוויי
פּראָצענט גאונות און אַכט און נײַנציג
פּראָצענט שווייס״.

עדיסאָן.

„אַלץ, וואָס איך האָב אויפגעטאָן פאַר דער וויסענ-
שאַפט, האָב איך אויפגעטאָן מיט לאַנגען טראַכ-
טען, מיט גרויס געדולד און מיט פיעל אַרבייט״.

(דאַרווין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.)

I.

דאַרווינ׳ס לעבען

מיט הונדערט און זעקס יאָהר צוריק, ד. ה. אין 1809־טען יאָהר איז דאַרווין געבאָרען געוואָרען, אין אַקליינער ענגלישער שטעדטיל, וואו זיין פאָטער איז אַדאָקטאָר געווען. די משפחה דאַרווין איז פון דור דורות בעשטאַנען פון קעפ־מענשען, פון דאָקטוירים, נאַטור־פאָרשער, שריפטשטעלער, וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער אָדער יענער וויסענשאַפט, אזוי אז דאַרווין האָט אויף זיך אַליין בעוויזען די ריכטיגקייט פון זיין „פערערבונגס־געזעץ״, ד. ה. די מעגליכקייט איבערצוגעבען בירושה די אָדער יענע איינענשאַפט אָדער פעהיגקייט.

ווי דאָס רוב צוקונפטיגע גרויסע מענשען, האָט זיך דאַרווין אין זיינע יונגע יאָהרען, ווי אין דער אָנפאַנגס־שול אזוי אויך אין דער מיטעל־שול און אפילו אויך אין דער העכערער שול געלע־רענט זעהר מיטעלמעסיג, „קוים אויף טראָיקעס״, ווי מ׳זאָגט

ביי אונז. איהם האָבען ניט אינטערעסירט די טרוקענע תורות פון די געדרוקטע ביכער; פון די שפּראַך לערנענים, בעזונדערס פון לאַטיין און גריכיש, האָט איהם בפועל געעקעלט. איהם האָט פון קינדהייט אָן געצויגען צו דער לעבעדיגער געהיימנים־פולער נאַטור, צו דער ארומיגער אָרגאַנישער וועלט: צו די גראָזען, בלומען, בוימער און אנדערע פלאַנצען; צו די ווערים, פליגען, פישען, און אנדערע חיות, וואָס פילען אָן די וועלט מיט „לעבעדיגען לעבען". אָט צו דעם דאָזיגען „פערחתמ'עטען וועלט בוך" האָט ער געהאַט אמורא'דיגע תשוקה פון זיינע קינדערשע יאָהרען אָן; אָט אין איהם האָט ער חשק געהאַט צו לעזען טאָג־טעגליך, אום מיט דער צייט ארויס־צולעזען פון איהם די סאַמע פערבאָרגענע זאכען, צו ענטפּלעקען דעם „סוד פון אַלע סודות", דעם סוד פון מעשה בראשית.

נאָך אַלס אַכט יאָהריג קינד האָט ער שוין געהאַט גרויסע זאַמלונגען פון כל'ערליי פלאַנצען, פערשיעדענע קאָלעקציעס פון אלערליי ווערים, פליגען, ראַקעס, מויער־קעפּלאַך, פערשיעדענע מינעראַלען, ביינער פון פערשיעדענע חיות. מיט אבעזונדערער ליידענשאַפט האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט פיש־פאַנגען—זייענדיג ד'ערביי אַגרויסער בעל רחמים אויף יעדע לעבעדיגע בעשעפענים—מיט געציג, אָבער ניט צוליעב ספּאָרט, צוליעב פערברענגען גוט די צייט, נאָר צוליעב דער תשוקה, וואָס בעסער און וואָס נעהענטער זיך צו דערקענען מיט דער וועלט פון די לעבעדיגע ברואים.

—„דו האָסט נור חשק בסדר ארומצושלעפען זיך מיט הינד, צו פאַנגען מייז, צו פישען און צו נאָך אזוינע נויטיגע זאַכען—האָט איהם אמאָל זיין פאָטער געמוסר'ט—צום לערנען איז ביי דיר גאָר קיין התמדה נישטאָ. אָבער וואָס וועט פון דיר זיין? דו וועסט דאָך אויסוואַקסען פאַר אַ חרפה זיך אליין און אונזער גאַנצער

משפחה!״

,,מיין פאָטער—בעמערקט דערויף דאַרווין אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע—איז געווען ניט גאַנץ גערעכט מיט די דאָזיגע האַר־טע ווערטער זיינע״.

פון דער אָנפאַנגס־שול, וואו דאַרווין האָט זיך זעהר שלעכט געלערנט, האָט איהם זיין פאָטער באַלד אַרויסגענומען און אַריבערגעפיהרט איהם אין אַגימנאַזיום, אָבער אויך דאָרט האָט ער פון איהם קיין נחת ניט געקליבען. מיט מיה און מאַטערניש אָט ער ווי עס איז געענדיגט ,,די 7 קלאַסען״ און איז מיט מזל אָנגעקומען אין דער העכערער מעדיצינישער שול (זיין פאָטער האָט בדעה געהאַט איהם צו מאַכען פאַר אַ דאָקטאָר, אַ פּראָ־פעסיע, מיט וועלכע די משפחה דאַרווינס האָבען זיך בעשעפ־טיגט פון לאַנגע דורות אָן).

,,באַלד אָבער—שרייבט דאַרווין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע—האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין פאָטער וועט מיר לאָזען אַזא ירושה, פון וועלכער איך וועל זיך קענען דורכלעבען אויך אָהן דאָקטאָריע. און איך האָב אָנגעהויבען צו קוקען אויף מיין שטו־דירען מעדיצין, ווי אויף אַ זאַך, וואָס האָט צו מיר גאָר אַ קנאַפּע שייכות״...

וואַרפענדיג די מעדיצין איז ער מיט׳ן הסכם פון זיין פאָ־טער אָנגעקומען אין אַ העכערע שול פאַר גייסטליכע. איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט זיין אַ גוטער דאָרף־גלח. אָבער די לימודים, מיט וועלכע מען האָט איהם געשטאָפּט אין דער דאָ־זיגער ,,העכערער שול פאַר גייסטליכע״, זענען איהם געקראָכען פון האַלז. זיין לימוד האָט זיך די גאַנצע פיער יאָהר געצויגען ווי פון פעך און ער האָט קוים מיט צרות געענדיגט די דאָזיגע אוני־ווערזיטעט און בעקומען מיט מזל אַ דיפּלאָם מיט דעם צוגאָב: ,,ווי פיעלע אַנדערע״, ד. ה. אויף פּשוט—די סאַמע נידעריגסטע

שטופע. און דאָך איז ער געווען מלא שמחה, וואָס ער איז לסוף אויסגעלעזט געוואָרען פון די טויטליך־לאַנגווייליגע לעקציעס פון די ,,געלעהרטע" פראָפעסאָרען, וואָס ער איז אראָב ענדליך פון דער שול־באַנק און אַ פרייער מענש געוואָרען.

,,איך האָב היינט לסוף אויסגעהאַלטען מיין עקזאמען! —האָט ער אין דעם טאָג געשריבען זיינעם אַ גוטען פריינד—עקזאמען! עקזאמען! עקזאמען! עקזאמען!... איך בין קאַפּאַבעל כאָטש אַ גאַנצען בויגען פּאַפּיר אויסצופילען מיט'ן דאָזיגען צויי־בער־וואָרט ,,עקזאמען!"—אזוי גליקליך בין איך, וואָס איך בין פון איהם פּטור געוואָרען!"

דארווין איז געוואָרען אַ פרייער מענש, אָבער וואָס צו טון, וואָס פאַר אַ וועג זיך אויסצוקלייבען אין לעבען, איז פאַר איהם אַליין געווען אונקלאָר. ווערען אַ גלח, כאָטש ער האָט געהאַט דאָס רעכט דערויף, האָט איהם ניט געצויגען און ער איז דער־ווייל־אמת נאָך אַלס אַ יונגער, 20־יאָהריגער מענש—געווען אָהן אַ בעשטימטער פּראָפעסיע.

באַלד אָבער האָט זיך געמאַכט אַ זייטיגער, נישט־ווער־טער צופאַל, וועלכער האָט ארויפגעפיהרט דארווינען אויפ'ן ריכטיגען וועג, וועלכער האָט געמאַכט פונ'ם יונגען, געוועהנ־ליכען, אונבעוואוסטען בחור'ל אַ וועלט־בעריהמטען געלעהרטען, איינעם פון די גרעסטע וועלט־גאונים.

איינער אַ שיפס־קאַפּיטאַן, האָט מיט עטליכע יאָהר פריער געבראַכט פון אַ ווייטער אינזעל צוויי נאַקעטע ווילדע מענשען קיין ענגלאַנד. אום זיי דאָרט צו מאַכען פאַר קולטור־מענשען, כדי נאָכדעם זיי צוריק אָבצופיהרען אין זייער אייגען־לאַנד אריין. דערמיט האָט ער געוואָלט דערגרייכען דעם ציעל, אַז די גאַנצע בעפעלקערונג פון דער דאָזיגער אינזעל, וועלכע איז בעשטאַנען פון ווילדע מענשען־פרעסער, זאָל זיך פון זייערע

אייגענע לאַנדס־לייט אָבלערנען מענשען־מידות, ווערען קולטור־מענשען. דאָס פּאָר ווילדע מענשען האָבען שוין אין ענגלאַנד „געענדיגט זייער קורס״; זיי זענען שוין געווען אייראָפּעאיש גע־קליידעט, אויפגעפיהרט זיך, ווי געבאָרענע ציוויליזירטע מענ־שען; און דער קאַפּיטאַן האָט זיך צוגעקליבען זיי צוריק אָבצו־שיקען אין זייער היימאַט־לאַנד אום דאָרט קולטור צו פערשפּריי־טען. צוליעב דעם דאָזיגען צוועק האָט ער אָרגאַניזירט אַ ווייטע ים־רייזע, וועלכע האָט, לסוף, בעקומען אַ שליחות פון דער ענג־לישער רעגירונג צו מאַכען אַ לאַנג־יאָהריגע רונד־רייזע אַרום דער גאַנצער ערד־קוגעל, כדי געגוי צו בעשטימען דעם ים־גרעניץ פון די אַמעריקאַניש־ענגלישע קאָלאָניעס און אגב אויך אויסצו־פאָרשען וויסענשאַפטליך ווי דעם געאָלאָגישען צושטאַנד, אַזוי אויך די פלאַנצען און חיות־וועלט פון די סאַמע ווייטעסטע מקומות. דאַרווין האָט, מיט דער הילף פון זיינעם אַ בעקאַנטען פּראָפעסאָר, בעקומען אין דער דאָזיגער עקספּעדיציע די שטעלע פון אַ קאָלעקציאָנער, ד. ה. פון אַ זאַמלער פון פערשיעדענע מינעראַלען, פלאַנצען און לעבעדיגע ברואים אין די אַלע ערטער, וואָס דער „ביגל״—אַזוי האָט דאָס שיף געהייסען—וועט בעזוכען.

זיין פאָטער איז געווען געגען דער דאָזיגער נסיעה, וואָס וועט „צו קיין תכלית ניט פיהרען״; אויך דער יונגער דאַרווין אַליין האָט זיך געפיהלט ניט געגוג צוגעגרייט צו אַזאַ פעראַנט־וואָרטליכער מיסיע, אָבער זיין בעקאַנטער פּראָפעסאָר האָט איהם צוגערעדט און אַזאַ אינטערעסאַנטע נסיעה „אַרום דער גאַנצער וועלט״ האָט דעם 22־יאָהריגען דאַרווינען אַזוי גערייצט, דאָס ער האָט בעשלאָסען אויך געגען דעם ווילען פון פאָטער (וועלכער האָט, סוף כל סוף, אויך מסכים געווען) צו מאַכען די דאָזיגע נסיעה.

אָט די דאָזיגע נסיעה אויפ׳ן שיף „ביגל״ איז פאָר

דארווינען געווען דער ווענדע־פונקט אין זיין לעבענס־וועג! און, אויב פון דעם קאפיטאנס אויפטו מיט די צוויי קולטיווירטע ווילדע מענשען האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען (ווייל, ווי זיי זענען געקומען צוריק אין זייער „פייער־לאַנד", אזוי האָבען זיי פון זיך ווידער אראָבגעוואָרפען די קליידער און אומגעקעהרט זיך צוריק צו זייער ווילדען צושטאנד), דערפאר אָבער האָט די דאָזיגע נסיעה געהאט א מורא'דיגע ווירקונג אויף דעם פראָגרעס פון דער גאנצער קולטיווירטער מענשהייט. אין דער דאָזיגער פינף־יאָהריגער נסיעה האָט דארווין, אין דער פאָרם פון א קאָלעקציע פלאַנצען און לעבעדיגע ברואים, אויפגעקליבען דעם גאנצען מאטעריאַל, פון וועלכען ס'איז אין איבער פערציג יאָהר ארום ארויסגעוואקסען דער „דארוויניזם" אין דער געשטאַלט פון זיינע צוויי וועלט־בעריהמטע ביכער: „די ענטשטעהונג פון די מינים" און „די ענטשטעהונג פונ'ם מענשען".

ניט אומזיסט האָט דארווין אויף זיך געזאָגט, אז אלץ, וואָס ער האָט געשאפען פאר דער וויסענשאפט, האָט ער אויפ־געטאָן „מיט פיעל ארבייט און גרויס געדולד".

זיין גאַנץ־לאַנגעס לעבען — דארווין האָט געלעבט איבער 72 יאָהר — פון דער דאָזיגער עפּאָכע־מאַכענדער נסיעה ביז דעם טאָג פון זיין טויט, האָט ער פערבראַכט אין א רוהיגער, שטרענגער וויסענשאפטליכער ארבייט איבער זיינע, אין דעם משך פון דער פינף־יאָהריגער וועלט־רייזע, אָנגעקליבענע מאַ־טעריאַלען. ער האָט חתונה געהאט אויף זיינער א שוועסטער־קינד, געקויפט זיך א מאיאָנטעק און דאָרט „אויף דעם שויס פון דער נאַטור" יאָהרען געלעבט, און יאָהרען געארבייט לטובה פון דער וויסענשאפט, ניט קימערענדיג זיך מיט דער קאָכענדער און רוישענדער וועלט אויסער זיין מאיאָנטעק, פערהאַלטענדיג זיך רוהיג ווי אַנ'אמת'ער געלעהרטער, צו אלע זיינע שארפע

קריטיקער און פיינד, בעזונדערס פון די גייסטליכע, וועלכע האָבען אין זיין לעהרע געזעהן אַ מלאך־המות פאַר דער רעליגיאָן בכלל. טאָג אין טאָג פלעגט דארווין אויפשטעהן פינף אַ זייגער אין דער פריה און נעהמען זיך פאַר זיינע וויסענשאַפטליכע אונ־טערזוכונגען באמת טאַקי מיט ,,גרויס געדולד". ער האָט גע־פיהרט אַ שטרענג־וועגעטעריאַניש לעבען, ווייט געווען פון תאוות און וועלטליכע פערגעניגענס. גוט און גליקליך פלעגט ער זיך פיהלען נאָר דאַן, בעת איהם פלעגט זיך איינגעבען צו ,,ארבייטען געשמאַק". צו קיינע פּראָפעסור־טיטולען האָט ער קיינמאָל ניט געשטרעבט, נאָך וועניגער צו פערשיעדענע עהרען־טיטלען און מעדאַליען, ווי אַנדערע אָפיציעלע ,,געלעהרטע" און דאָך איז ער אויף דער עלטער ממש פערשאָטען געוואָרען פון ,,עהרען־דיפּלאָמען" און ,,עהרען־ליסטען" פון פערשיעדענע אַקאַדעמיעס פון אַלע פיער זייטען פון דער וועלט, הגם ער פלעגט זיך מיט זיי זעהר וועניג אינטערעסירען און זאָגאר פער־לירען. אויף איהם איז באמת מקיום געוואָרען דאָס וואָרט: ,,ווער עס ענטלויפט פון כבוד, נאָך יענעם לויפט דער כבוד נאָך".

שטיל, רוהיג און ענוות'דיג, ווי ער האָט געלעבט—איז ער אויך געשטאָרבען.

אויף זיין מצבה זענען קיינע שבחים ניט אויסגעקריצט געוואָרען. אויף איהר שטעהט בלויז געשריבען אַזאַ פשוט'ער ,,פה נקבר":

,,טשאַרלז ראָבערט דאַרווין
געבאָרען דעם 12 פעברואַר 1809
געשטאָרבען דעם 19 אַפּריל 1882".

II.

די פאַלשע „מיינונג" וועגען דעם „דאַרוויניזם" און די ביבליש-ליניאַישע טעאָריע.

— ס'קאָכט היינט מיט דאַרווינ'ען, — האָט מיר דאָ ניט לאַנג געזאָגט אַ פאַרצייטיגער יוד, וואָס האַלט זיך פאַר אַ קענער אין „חכמת הפילוסופיא" און פאַר אַ גרויסען בריה אין דעם ענין פון „דע מה שתשיב לאפיקורוס" — עס איז, חלילה — זאָגט מען — נישטאָ קיין יוצר האדם; אדם הראשון איז כלומר'שט ניט פונ'ם בורא עולם אויפ'ן זעקסטען טאָג בעשאַפען געוואָרען, ווי עס שטעהט געשריבען אין אונזער הייליגער תורה, נאָר געבאָרען געוואָרען אַמאָל פון אַנ'אָבעזיאַנע.

— נאָר זאָגט מיר, זייט מוחל, — איהר זייט דאָך אַ מענש מיט אַ קאָפּ, — איז דאַרווין דערביי געשטאַנען, בעת זיין אָבעזיאַנע האָט געהאַט דעם ערשטען מענשען?! אלא וואָס — מיר דאַרפען איהם גלויבען אויף נאמנות, היינט פאַרוואָס זאָלען מיר בעסער ניט גלויבען אונזער משה-רבינו?!

דערביי האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ בליק פון אַ בעל נצחון, ווי ער וואָלט זאָגען געוואָלט:

— אהאַ! ווער איז גערעכט?

און דער דאָזיגער יודישער „חקרן" איז צום בעדויערען ניט קיין איינציגער אין זיין אַרט. דער ווייט-גרעסטער טייל פון דעם עולם, וואָס האָט שוין יאָ וואָס געהערט אָדער געלעזען פון דאַרווינען און פון זיין טעאָריע, ווייס דערפון נישט מעהר איידער דער דאָזיגער „חקרן". די גאַנצע תורה דאַרווינס (אַזוי מיינט דער גרויסער עולם) בעשטעהט בלויז אין איין קורצען מאמר: „אַ מענש שטאַמט פון אַנ'אָבעזיאַנע".

און יעדער, לויט זיין טעמפעראמענט, לויט זיין ערציהונג אָדער לויט זיין לאגע אין דער געזעלשאפט, פערהאלט זיך פער־שיעדען צו דער דאָזיגער מערקווירדיגער סברה. ווער עס „קריטיקירט" זי מיט שוים אויף די ליפען, איבערהויפט די גלחים און די רבנים, ווייל זי ריהרט אָן די יסודות פון דער אמונה, אויף וועלכע אויך זייער עקאָנאָמישע לאגע שטיצט זיך... ווער ס'איז גלאט בייז אויפ'ן דאָזיגען „דעמאָקראטישען" סדר־היחוס, וועלכער ס'מאכט אש און רויך פון זיין אלטפריינקישען באראָנען־טיטעל, אָדער פון זיין שטאמען פון רבנים; ווער ס'לאכט זיך גלאט אויס פון דער גאנצער מעשה, וועלכע ס'ווייזט איהם אויס אזוי משונה'דיג ווילד, דאָס ער האלט זי נידעריגער פאר יעדע קריטיק, און ווער עס מאכט עס אינגאנצען אוועק אונטער דער האנד: ס'מיין באָבעס דאגה, אבי איך אליין בין קיין אָבעז־יאנע ניט!"

בכלל אָבער וויס דער ווייט־גרעסטער טייל פונ'ם גרויסען עולם פונ'ם גאנצען דארוויניזם נישט מעהר ווי דאָס, אז דער מענש איז אנ'אור־אור אייניקעל פון א וועלכער ס'איז אָבעזיאנע, הגם בעצם איז די דאָזיגע דארווינ'שע היפאָטעזע וועגען דעם אָבשטאמען פון דעם מענשען בלויז ווי א טראָפען אין א ים אין זיין גאנצער נאטור־פילאָזאָפיע.

דער דארוויניזם איז א גרויסע און א טיפע נאטור־וויסענ־שאפטליכע פילאָזאָפישע סיסטעם, א גאנצע וועלט־אנשויאונג, וואָס נעהמט ארום דאָס גאנצע פראָבלעם פונ'ם לעבען אויף דער ערד, פון דער קלענסטער, קוים מערקבארער גרעזעלע איבער אלע פלאנצען און לעבעדיגע ברואים, ביז דער קרוין פון דער נאטור, „דעם בעסטען פון אלע בעשעפעניסען" — דעם מענשען.

פון וואנען האָבען זיך גענומען די אלע פערשיעדענע גראָזען,

בלומען, בוימער, שפייז־פלאַנצען א. ד. ג.? ווי אזוי זענען געקומען אויף דער וועלט די אַלע ווערימער, פליגען, פויגלען, בהמות, חיות, עופות, פישען און אַלע אַנדערע לעבעדיגע ברואים ביז דעם מענשען מיטגערעכענט?

די דאָזיגע פראַגע האָט ניכר אינטערעסירט דעם מענשען נאָך אין די אוראַלטע צייטען, באַלד ווי ער האָט זיך אָנגעהויבען אָבצוגעבען דין וחשבון פון דעם, וואָס עס קומט פאָר ארום איהם.

די ביבעל, איינער פון די עלטעסטע ביכער, וועלכע די מענשהייט קען, גיט אויף דער דאָזיגער וועלט־שאלה אַ קלאָרע תשובה.

יעדער מין *) גראָז איז ספּעציעל אַלס אַזעלכער בעשאַפען געוואָרען („כל עשב למינהו") פון יעדען מין לעבעדיגע ברואים איז פון אָנהויב אָן בעשאַפען געוואָרען אַ מאַן מיט אַ ווייב („זכר ונקבה ברא אותם"), וועלכע האָבען זיך געמעהרט און געפרוכפּערט און אָנגעפילט די גאַנצע ערד.

לויט דער דאָזיגער ביבלישער וועלט־אַנשויאונג, ווי זי איז בעשריבען אין חומש אין דער פרשה בראשית, שטאַמט דער מין מענשען פון אדם־הראשון מיט חוה׳ן; דער מין בהמות — פון דעם ערשטען אָקס מיט דער ערשטער בהמה; דער מין ציגען — פון׳ם ערשטען באָק מיט דער ערשטער ציג; דער מין היהנער — פון׳ם ערשטען האָהן מיט דער ערשטער הוהן א. אז. וו. מיט אַנדערע ווערטער: פון יעדען מין בעזונדער איז

---

*) דאָס וואָרט מין בעדייט אין דער ביאָלאָגיע אַ גרופּע פּלאַנצען אָדער לעבעדיגע ברואים, וועלכע זענען מעהר אָדער וועניגער ענהליך איינע צו די אַנדערע, למשל דער מין „בהמות", „היהנער" א. ז. וו.

צו ערשט אין די ששת ימי בראשית, פון דאָס נײַ בעשאַפען געװאָרען אַ פּאָר-פאַלק, אַ זכר מיט אַ נקבה, װעלכע זענען געװען די ערשטע און די איינציגע עלטערען פון זייער גאַנצען מין.

דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו דער פלאַנצען-װעלט. יעדער מין פלאַנצען האָט זיך זיינע עלטערען, װעלכע זענען מתחילה אַזוינע בעשאַפען געװאָרען. די דאָזיגע ביבלישע אַנשויאונג װעגען דער ענטשטעהונג פון די מינים פלאַנצען און לעבעדיגע ברואים איז ביז דאַרווינען—געגויער ביז לאַמארק׳ן—אויך אָנגענומען געװאָרען פון דער נאַטור-װיסענשאַפט. ליניי—אַ נאַטורפאָרשער, װאָס האָט געלעבט פון 1707 ביז 1778 יאָהר—שרייבט װעגען דער דאָזיגער פראַגע פאָלגענדעס: „מינים זענען דאָ אויף דער װעלט אַזוי פיעל, װיפיעל ס׳האָט זיי צוערשט בעשאַפען די אונענדליכע קראַפט (גאָט)“ און אין אַ צװייטען אָרט: „נאָך דער אַמאָליגער שאַפונגס-צייט זענען קיינע נייע מינים מעהר ניט בעשאַפען געװאָרען און װערען ניט בעשאַפען“.

די דאָזיגע ליניי׳אישע טעאָריע—װעלכע איז אייגענטליך אַ גענויע קאָפּיע פון דער ביבלישער—הייסט אין דער װיסענ־שאַפט: „די טעאָריע פון דער שטענדיגקייט פון די מינים“, ד. ה., אַז די מינים בלייבען שטענדיג די זעלביגע, אַזוי װי זיי זענען געװען פון ששת ימי בראשית אָן. והא ראיה: מיט קיינע קינסטליכע מיטלען קען מען דעם מין ניט אומענדערען. פּרובט מען, למשל, צונויפפּאָרען אַ פערד אַ זכר מיט אַנ׳אייזעל אַ נקבה, װערט, אמת, פון זיי געבאָרען אַ נייער מין, װאָס איז ניט קיין פערד און ניט קיין אייזעל, אַ מויל-אייזעל. אָבער דער דאָזיגער קינסטליך געשאַפענער נייער מין איז פרוכטלאָז און קען נאָך זיך קיין דור ניט לאָזען, אלזאָ, קען דעם מין פון זיינע עלטערען ניט אומענדערען. דאָס זעלבע איז אויך מיט די קינדער, װאָס

ווערען געבאָרען פון „געמישטע חתונות" צווישען וועלף מיט הינד, הינד מיט פיקס א. א. אַ צווייטע ראיה, (וועלכע פיעלע געגנער פונ׳ם דארוויניזם בענוצען נאָך עד היום און וועגען וועלכע מיר וועלען נאָך שפעטער ריידען נאָכאמאָל) איז די: אויב די מינים וואָלטען זיך מיט דער צייט אומגעענדערט, טאָ פאַר וואָס האָט מען עס ניט בעמערקט אין אַ משך פון טויזענ־דער יאָהרען, זינט די מענשהייט איז שוין גוט בעקאנט מיט פיעלע מינים און מיט דער אַלטער בעשרייבונג פון זיי.

דעם ערשטען שרעקליכען קלאַפּ האָט דער דאָזיגער טעאָריע געגעבען די בעקאנטשאַפט, וואָס די וויסענשאַפט האָט געמאכט מיט די אויסגעגראָבענע ברואים פון אונטער דער ערד (די דאָזיגע וויסענשאַפט הייסט: פּאַלעאָנטאָלאָגיע.) צווישען די דאָזיגע אויסגעגראָבענע ברואים האָט מען געפונען אַזוינע מינים, פון וועלכע אויף דער ערד איז אפילו קיין זכר נישטאָ, און וואָס מעהר מען איז בעקאנט געוואָרען מיט די דאָזיגע אונטער־ערדישע פערשטיינערטע בעשעפעניסען, וואָס האָבען געלעבט אויף דער ערד אפשר מיט פיעלע מיליאָנען יאָהרען צוריק, אַלץ מעהר האָט מען אָנגעהויבען צו קווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון דער ביבליש־ליניי׳אישער טעאָריע פון דער שטענדיגקייט פון די מינים. ווארום מ׳האָט זיך איבער־צייגט, אַז די ערד האָט דורכגעמאכט פערשידענע עפּאָכען (געאָלאָגישע עפּאָכען) און אין יעדער עפּאָכע האָבען זיך געפונען אַנדערע מינים ברואים אין פלאַנצען.

אמת, די אָנהעגגער פון דער ביבליש־ליניי׳אישע טעאָריע האָבען זיך געפּרובט ערקלערען די דאָזיגע רעטענים מיט דער אַזוי גערופענער „קאַטאַסטראָפען־טעאָריע". אויף דער וועלט — האָבען זיי ערקלערט — איז געווען ניט נור איין מבול, וואָס האָט חרוב געמאכט אַלץ מיט אַנ׳אַנדער, נאָר פיעלע אַזוינע

קאַטאַסטראָפען: ערד-ציטערניסען, ים־ציטערניסען, פערפליי־צעניסען א. ד. ג. נאָך יעדער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַלע פלאַנצען און ברואים, זענען ווידער פון דאָס ניי בעשאַפען געוואָרען אַנדערע מינים פלאַנצען און ברואים. די אויסגעגראָבענע פערשטיינערטע פלאַנצען און ברור־אים זענען אומגעקומען אין דער אָדער יענער קאַטאַסטראָפע. די דאָזיגע טעאָריע האָט פערטרעטען דער בערימטער געאָלאָג קיוויע, וועלכער האָט בפירוש געזאָגט, אַז נאָך יעדער קאַטאַ־סטראָפע איז געווען אַנייע שאַפונג, אַנייע מעשה־בראשית*)—

די דאָזיגע „קאַטאַסטראָפען־טעאָריע" לעגט זיך אָבער אַפילו אויפ'ן שכל־הישר ניט, אויך אָהן וויסענשאַפטליכע געגען־סברות. אויך די ביבעל, בעת זי דערצעהלט אונז פון דעם מבול (וועלכער האָט אויסגעמעקט פון דער וועלט יעדע לעבעדיגע זאַך), אויך די ביבעל רייסט ניט איבער דעם פאָדים פון לעבען, אום נאָכ'ן מבול פונ'ם ניי אָנצוהויבען אשאַפונגס־פראָצעס, אַ נייע מעשה־בראשית. זי דערצעהלט אונז פון נח'ן, וועלכער האָט זיך ביי־צייטענס בעזאָרגט מיט אַ קאַסטען — „תיבת נח" — אין וועלכען ער האָט אריינגענומען פון יעדען מין אַ זכר מיט אַ נקבה, כדי זיי זאָלען אינגאַנצען ניט אומקומען פון דער וועלט.

אין די דאָזיגע ווייט-גלויביגע „קאַטאַסטראָפען-טעאָריע, וועלכע האָט אַ צייט געשטיצט די אַלטע מיינונג פון דער שטענ־דיגקייט פון די מינים, איז באַלד אַליין אַוועק פון דער וועלט, ניט לאָזענדיג קיינע אָנהענגער. איהר אמת'ער „מלאך-המות" איז געווען טשאַרלז דאַרווין, וועלכער איז אַרויסגעטראָטען איבערהויפט געגען די ביבליש-ליניי'אישע טעאָריע. אגב אָבער

*) אויך אין דער גמרא געפינט זיך אַזאַ מיינונג, אַז גאָט האָט בעשאַפען וועלטען און זיי חרוב געמאַכט (בונה עולמות ומחריבם.)

האָט ער אויך דער „קאַטאַסטראָפען־טעאָריע" פון קיווויע דערלאַנגט דעם שטאַרקסטען און לעצטען טויט־קלאַפּ, נאָך וועלכען זי האָט שוין יעדע האָפנונג פערלאָרען, אום אמאָל צו **תחית המתים** אויפצושטעהן.

III.

די ענטוויקלונגס־אָדער עוואַלוציאָנס טעאָריע.

דער קערן פון דער דאַרוויניסטישער טעאָריע בעשטעהט דערין, אַז אַלע פערשידענע מינים פלאַנצען און לעבעדיגע בראואים זענען ניט אַלס אַזעלכע יעדער בעזונדער צוערשט בע־שאַפען געוואָרען, נור זיי האָבען זיך אין אַ משך פון פילע, פילע דורות ענטוויקעלט איינע פון די אַנדערע, אַ העכערער מין פון אַ נידעריגערען. אַזוי אַז מתחילה זענען געווען בלויז איינינגע נידעריגע מינים — אָדער זאָגאר איין איינציגער אַ נידעריגער מין — פון וועלכע (אָדער פון וועלכען) עס האָבען זיך אין אַ משך פון מיליאָנען יאָהרען ענטוויקעלט אַל די פילע פערשידענע מינים, וואָס מיר זעהן איצט אויף דער ערד. די דאָזיגע טעאָריע רופט זיך אין דער וויסענשאַפט „טראַנספאָרמיזם", אָדער די עוואַלוציאָנס־טעאָריע בנוגע צו די אָרגאַנישע פאָרמען. אין עצם גענומען איז די דאָזיגע טעאָריע אַלט כמעט אַזוי פיל, ווי די וויסענשאַפט אַליין. און איינער פון די ערשטע גריכישע פילאָ־זאָפען — עמפּעדאָקל — האָט קלאָר און שאַרף ארויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז „אַלע לעבעדיגע בעשעפעניסען האָבען זיך ענטוויקעלט איינע פון די אַנדערע אויפ'ן נאַטירליכען אופן, אָהן דער הילף פון אַ שעפער (גאָט). לעבען זענען געבליבען די פון זיי, וועלכע האָבען געהאַט אַ בעסערען און צוועקמעסיגערען אָר־גאַניזם".

בנוגע צו פלאַנצען האָט דעם זעלביגען געדאַנק אויך אַרויסגעזאָגט דער בעקאַנטער דייטשער פּאָעט געטע. אָבער, ווי עמפּעדאָקל אַמאָל, אַזוי אויך געטע און נאָך פיעלע אַנדערע אין דער נייער צייט, האָבען בלויז אַזוי צו זאָגען „געפיהלט" די טעאָריע פון דער ענטוויקלונג, אָבער בעווייזען זי וויסענשאַפט־ליך זענען זיי ניט געווען אימשטאַנד.

ערשט דאַרווין האָט בעוויזען מיט וויסענשאַפטליכע ראיות ניט בלויז די ריכטיגקייט פון דער עוואָלוציאָנס־טעאָריע, נאָר אויך די וועגען און מיטלען, וועלכע די נאַטור געברויכט אום אַרויסצובעקומען איין מין פון דעם צווייטען און אָט אין דעם אייגענטליך בעשטעהט דער עיקר פונ׳ם דאַר־וויניזם.

נאַטירליך, בעווייזען פּראַקטיש, ווי אַזוי איין פאָרם אָדער איין מין איז אַריבערגעגאַנגען אין צווייטען, איז אַ זאַך, וואָס איז אונמעגליך. אין דערינען איז דער יוד, דער „חקרן" גערעכט, אַז „דאַרווין איז דערביי ניט געשטאַנען". און טאַקי דערין, וואָס קיינער איז דערביי ניט געווען און קען אויך ניט זיין, ווייל לויט דער טעאָריע, פאָדערט זיך דערצו אַ מורא׳דיג לאַנגע צייט, טאַקי דערין איז בעשטאַנען די גאַנצע שווערקייט די דאָזיגע טעאָריע וויסענשאַפטליך צו בעגרינדען. און דאָס איז דאַרווינ׳ס גרויסע פערדינסט לגבי אַלע אַנדערע עוואָלוציאָניסטען ביז איהם, וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען נאָך אַ פערציג־יאָהרי־גער אַרבייט די דאָזיגע טעאָריע וויסענשאַפטליך צו בעגרינדען.

בעווייזען אָבער אַזאַ זאַך, וועלכע עס געשיהט אין אַ משך פון מיליאָנען יאָהרען, וועלכע איז געשעהען צום גרעסטען טייל נאָך פיעל, פיעל פריהער איידער דער מין מענש אליין איז אויף דער וועלט געווען, איז מעגליך, פערשטעהט זיך, בלויז מיט קאָפּ־סברות, מיט לאָגישע ראיות אויפ׳ן גרונד פון פיעלע

ערשיינונגען אין דער אָרגאַנישער וועלט, וועלכע לאָזען זיך אויף קיין אופֿן ניט ערקלערען אויסער מיט דער עוואָלוציאָנס־טעאָריע. אום די דאָזיגע טעאָריע צו ערקלערען האָט דאַרווין צוויי דיקע, זעהר דיקע ביכער אָנגעשריבען און די דאַרוויניסטען נאָך איהם האָבען גאַנצע ביבליאָטעקען אָנגעפילט מיט זייערע חיבורים וועגען דעם. מיר דאָ, קענען בלויז געבען דעם תמצית פון די בעווייזען אין זעהר קורצע שטריכען.

מיר וועלען זיי איינטיילען אין פאָלגענדע גרופען:

1) פּאַלעאָנטאָלאָגישע בעווייזען. די אויסגע־גראָבענע פערשטיינערטע ברואים און פלאַנצען פון אונטער דער ערד שטעלען פאָר צוזאַמען אַ גאַנצע לייטער פון פערשידענע מינים פון די סאַמע נידעריגסטע מינים ביז די ערשטע מילך־זויגער.

די ביז איצט געפונענע אויסגעגראָבענע מינים ברואים ליגען אין פערשידענע פלאַסטען פון דער ערד: וואָס עלטער דער ערד־פּלאַסט איז אַלץ נידעריגער איז דער מין ברואים, וואָס אין איהם געפינט זיך. ערשט אין די סאַמע יונגסטע ערד־פלאַסטען געפינען זיך די סאַמע עלטסטע מילך־זויגער. די יונגערע מינים מילך־זויגער געפינט מען אין דער ערד לעת עתה נאָך ניט. ערשט דער מענש אָדער אויבער־מענש, וואָס וועט לעבען אויף דער ערד אין פיעלע מיליאָנען יאָהרען ארום, וועט וואהרשיינליך אויסגראָבען פון אונטער דער ערד אונזער׳ן אַ היינ־טיגען מענשען און וועט אויף איהם אפשר קוקען, אזוי ווי מיר היינט אויף אַנ׳אויסגעגראָבענעם מאַמאָנט, אורטיאָזאַוור (אַזוינע אויסגעגראָבענע אור־אַלטע ברואים) א. ד. ג.

שטעלט מען צוזאַמען די אויסגעגראָבענע מינים, לויט זייער עלטער נאָך (וואָס לאָזט זיך גרינג מאַכען נאָך די געאָלאָ־גישע ערד־שיכטען נאָך), בעקומט מען אַנ׳אויסגעצייכענט־קלאָרען

בילד פון אַרייהע דורות איינע נאָך די אַנדערע, וועלכע ערקלערט זיך גרינג און גוט נאָך דער עוואָלוציאָנס־טעאָריע, וועלכע איז אָבער ניט צו פערשטעהן, אויב מ׳זאָל אָננעהמען לויט דער ביבליש־ליניי׳אישע טעאָריע, אַז די מינים בלייבען שטענדיג, אַזוי ווי זיי זענען אַמאָל בעשאַפען געוואָרען.

2) מאָרפאָלאָגישע בעווייזען, ד. ה. בעווייזען פון דעם קערפער־בוי פון די אָרגאַניזמען גופא, פון דעם געשטאַלט און דער פאָרם פון די אברים, ווי פון די אינוועניגסטע אַזוי אויך אויסוועניגסטע.

די קערפער פון מורא׳דיג גרויסע גרופעס פלאַנצען און לעבעדיגע בעשעפעניסען זענען געבויט בכלל לויט איין פלאַן און איין סדר, למשל אַלע ברואים, וואָס האָבען אַ חוט־השדרה, צו וועלכע ס׳געהערען כל׳ערליי מינים פון דעם קלענסטען פישעלע ביז דעם גרעסטען העלפאַנט. דאָס בעווייזט, אַז זיי שטאַמען אַלע פון איין גזע, פון איין עלטער־עלטער זיידען, וועלכער האָט, איבער דער אָדער יענער אורזאַכע, אַמאָל אַ חוט־השדרה אָנגע־לעבט — פערשטעהט זיך ניט אין איין אויגענבליק — און איבער־געלאָזען זי בירושה זיינע קומענדיגע דורות, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט און פערצווייגט אין פיעלע פערשידענע מינים.

לגמרי פערשידענע אברים, וואָס דינען צו גאַנץ פער־שידענע צוועקען ביי דורכאויס פערשידענע מינים, למשל די פליגלען ביי די פויגלען, די פאָרענסטע פיס ביי די פיער־פיסיגע, די פלוס-פעדערען ביים קיט, און די הענד ביי אַ מענשען די דאָזיגע אַלע גאַנץ פערשידענע אָרגאַנען זענען געבויט לויט איין פלאַן און ענטוויקלען זיך אַלע אויף איין אופן, ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי זענען בעשטימט צו פערשידענע פונקציעס. דאָס בעווייזט ווידער, אַז אַל די דאָזיגע אברים זענען אַמאָל געווען פונקט גלייך און צו איין צוועק בעשטימט, ד. ה. זיי

האָבען געהער׳ט איין מין, פון וועלכען ס׳האָבען זיך דערנאָך אַלע אַנדערע ענטוויקעלט! (וואהרשיינליך שטאַמען זיי אַלע פון די פלוס־פעדערען ביי די פיש, וועלכע זענען, ווי ס׳ווייזט אויס, געווען אונזערע אַלעמענס עלטער־עלטער זיידעס און באָבעס).

ביי פיעלע לעבעדיגע ברואים געפינען זיך אַזוינע אברים, וועלכע נוצען איהם צו קיין זאַך ניט און זענען דעריבער אַזוי ווי געלעהמטע, אָבגעשטאָרבענע, (רודימענטאַרע), למשל די בריסט ביי די מאַנסביל, די אויערען־שאַל און די עק־ביינער אויפ׳ן סוף פון דער חוט־השדרה ביי די מענשען, אַ זכר פון פיס ביים קיט א. נ. פיעלע, פיעלע אַנדערע אַזוינע ביישפּילען פון אַזוינע אוננוצליכע רודימענטאַרע אברים ביי חיות, עופות און פלאַנצען, וואָס בעווייזען בעשיינפּערליך, אַז אַמאָל האָבען די דאָזיגע אברים אויסגעפיהרט אַגעוויסע פונקציע—למשל דער מענש האָט אַמאָל געהאַט אַ נ׳עק, געקענט אומפיהרען מיט דער שאַל פון זיינע אויערען, אַזוי ווי איצט אַ הונד, אַ פערד *) א. ד. ג. אָדער דער קיט האָט אַמאָל פיס געהאַט. מיט אַנדערע ווערטער, די דאָזיגע רודימענטאַרע אברים, אָדער רודימענטען לאָזען זיך ערקלערען בלויז מיט דער עוואָלוציאָנס־טעאָריע, וועלכע נעהמט אָן, אַז אַלע איצטיגע מינים שטאַמען פון איין גזע, אַנדערס איז די דאָזיגע מערקווירדיגע ערשיינונג ניט צו ערקלערען.

---

*) יעדער אבר, וועלכען מ׳בענוצט ניט אין אַ משך פון יאָהרען ווערט אָבגעשוואַכט און קען אויך אינגאַנצען אָבשטאַרבען. אָט אַזוי למשל זענען די אויגען ביי די חיות, וואָס לעבען אין פינסטערע לעכער זעהר שוואַך. ניט לאַנג האָט מען געפונען אין אַ הייל אונטער דער ערד אַנ־אַזערע, אין וועלכער ס׳לעבען בלינדע פיש.

אין דער צייט, ווען דאָס לעבעדיגע בעשעפענים ענטוויי־קעלט זיך ביי דער מוטער אין בויך, (דאָס עמבריאָן) איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט זענען כמעט אלע ברואים — דער מענש אויך אין כלל — זעהר ענליך איינע צו די אַנדערע. זייער קערפּער-בוי איז זעהר איינפאַך, בכלל גלייך צו די נידעריגע ברואים. דאָס בעווייזט ווידער טאַקי זייער אַלגעמיינע אָבשטאַמונג פון איין מקור.

3) זאָאָגעאָגראַפישע בעווייזען ד. ה. די בעוויי־זען אויפ׳ן גרונד פון דער אומענדערונג, וואָס קומט פאָר אין דעם מין, ווען ס׳בייטען זיך זיינע לעבענס-בעדינגונגען: דער קלימאַט, די שפּייז א. ד. ג. די דאָזיגע אַזוינערופענע זאָאָגעאָגראַפישע און אויך פּיטאָ־געאָגראַפישע בעוויזען, זענען די שטאַרקסטע און גרינדליכסטע אין דער עוואָלוציאָנס־טעאָריע פון דאַרווין.

ווייסען דאָך אַלע, אַז אויף די זאָגענאַנטע פערד־זאַוואָדען ווערען דורך צונויפפּאָרונג פון געוויסע סאָרטען פערד סוף כל סוף ערצויגען אַזוינע פערד, וועלכע דער זאַוואָד וויל האָבען, למשל גוטע רייט-פערד, גוטע משא־פערד. דערצו ווערען אויס־געקליבען אַזוינע פערד־זכרים און פערד־נקבות, וואָס האָבען צום טייל די מעלות, וועלכע דער מענש וויל האָבען. און זייערע קינדער פערשטאַרקט זיך נאָכמעהר די געווינשטע אייגענשאַפט, אין די קינדס־קינדער נאָכמעהר ביז מ׳דערגרייכט צו אַזאַ דור, וועלכע האָט די אַלע מעלות, וואָס דער מענש האָט געוואָלט זעהען אויף זיינע פערד. דאָס זעלבע דערגרייכט מען אויך ביי הינד, בעזונדערס ביי די יאַגד־הינד. מ׳בעקומט מיט דער צייט אַזאַ סאָרט הונד, וועלכע אונטערשיידט זיך גאָר אינגאַנצען פון זיינע עלטערען און אור-עלטערען. דאָס זעלבע איז אויך מיט פּלאַנצען. יעדער געניטער גערטנער קען קינסטליך ערציהען

פערשידענע מינים פלאנצען און בלומען, וועלכע אונטערשיידען זיך זעהר שטארק פון זייער מין. אָבער ניט בלויז מענשען קענען מעהר אָדער ווייניגער אומענדערען די נאטור פון געוויסע מינים. אין א סך א גרעסערען מאסשטאב מאכט דאָס די נאטור אליין. עס איז בעקאנט, אז פליאָנדערקעס ענדערען זייער הויט-פארב ווען מען פיהרט זיי אריבער פון איין סאָרט וואסער אין א צווייטען, למשל פון א ים, וועלכער ס'האָט אין זיך ווייניגער זאלץ אין א ים, וואָס זיין וואסער איז רייכער מיט זאלץ. ס'איז בעקאנט, אַז כמעט אלע חיות, וואָס לעבען אינ'ם קאלטען צפון, וואו עס ליעגט שטענדיג דער העלער שנעע, זענען אליין אויך „וויים ווי שנעע". דער ווייסער בער, דער סיבירער צפון-בער איז געווים אלעמען בעקאנט.

די ווערים, וואָס זענען גרין ווי די גראָז, צווישען וועלכע זיי לעבען, און נאָך פיעלע אנדערע ברואים, וואָס האָבען די זעלביגע פעלץ-פעדערען אָדער הויט-פארב, ווי די סביבה, אין וועלכער זיי לעבען,— דאָס זענען אלץ גוט-בעקאנטע פאקטען פון לעבען. און ס'לאָזט זיך בשום אופן ניט גלויבען, אז אזוינע ספעציעל-געפארבטע מינים זענען מתחילה אין יעדען געגענד בעשאפען געוואָרען. (ווי אזוי זיי האָבען, לויט דארווינ'ס טעאָריע, בעקומען די דאָזיגע „צוועקמעסיגע פארבען" — וועגען דעם שפעטער).

עס זענען פאראן נאָך א גאנצע רייהע ווענינער וויכטיגע בעווייזען. אָבער אויך די קורץ בעשריבענע אויבענגעבראכטע פאקטען לאָזען זיך ניט גוט ערקלערען, לויט דער ביבליש-ליניי-אישער טעאָריע פון דער שטענדיגקייט פון די מינים און פער-קעהרט ערקלערען זיך אויסגעצייכענט גוט לויט דער עוואָלוצ-יאָנס-טעאָריע פון דארווין.

IV.

די מלחמה פאַר'ן לעבען.

ווי מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט, בעשטעהט **דער** גאַנצער אויפטו דאַרווינ'ס ניט אין דער ע נ ט ד ע ק ו נ ג פון דער עוואָלוציאָנס־טעאָריע (ארויסגעזאָגט האָט מען דעם דאָזיגע געדאַנק נאָך מיט אַ צייט פריער פאַר דאַרווינ'ען, ווי דער לעזער וויים שוין), נור, ערשטענס אין דעם בעגרינדען פון איהר און צווייטענס — און דאָס איז דער עיקר — אין דעם ערקלערען די וועגען און די מיטלען, וועלכע די נאַטור האָט געברויכט אום צו ענטוויקלען די מינים איינע פון די אַנדערע, די העכערע פון די נידעריגערע, אין דעם, וואָס מ'רופט איינענטליך דאַרווויניזם. ניט אומזיסט האָט איינער אַ נאַטור־פאָרשער, באַלד ווי ס'איז ארויס דאַרווינ'ס בערימטער בוך „די ענטשטעהונג פון די מינים", פאָלגענדעס געשריבען: „מיר האָבען דאָך אויך פאַר דאַרווינ'ען געוואוסט פון דער ענטוויקלונגס־טעאָריע, פון דער עוואָלוציע פון די מינים, און דאָך האָבען מיר געבלאָנדזשעט אין דער פינסטער, ניט געהאַט קיין פעסטען באָדען אונטער די פיס. ערשט דאַרווין מיט זיין „ענטשטעהונג פון די מינים" האָט אַ סנאָפּ ליכט ארויפגעלאָזען אויף אונזער וועג. ערשט איצט האָבען מיר דעם שליסעל פון דער ביז איצט פערשלאָסענער טיר".

און דער „סנאָפּ־ליכט" אָדער דער „שליסעל פון דער פערשלאָסענער טיר" בעשטעהט אין די וועגען און מיטלען, אָדער אין די אייזערנע נאַטור־געזעצען, וואָס דאַרווין האָט

ארויסגעפונען, אין וועלכע האָבען אונבעדינגט געמוזט פיהרען די מינים פון איין פאָרם צו אַ צווייטער, פון אַ נידעריגערער שטופע צו אַ העכערער.

דאָס ערשטע הויפט-געזעץ, וואָס דארווין האָט ענטדעקט אין דער נאַטור, איז „די מלחמה פאר׳ן לעבען״ אָדער די מלחמה פאר דער עקזיסטענץ. יעדער לעבעדיגער אָרגאַניזם הן פון דער פלאַנצען-וועלט, הן פון די לעבעדיגע ברואים, מוז אונבעדינגט פיהרען אַנ׳אייביגען קאַמפף אום לעבען צו קענען. ער מוז קודם כל קעמפפען מיט די בלינדע, פאַר איהם שעדליכע נאַטור-ערשיינונגען, ווי מיט דער קעלט למשל אום ווינטער, מיט די היצען אום זומער, מיט׳ן ווינד, מיט׳ן רעגען און שנעע א. ד. ג. ער מוז ווידער בוכשטעבליך קעמפפען מיט זיינע לעבענס-פיינד: ווער מיט די רויב-פויגעל, ווער מיט די רויב-חיות און ווער מיט די קליינע פליגעלעך און אנדערע בלוט-זויגער. ער מוז אויך פיהרען אַ הארטען און שווערען קאַמפף אום זיך פשוט לעבענס-מיטלען, שפייז צו בעקומען, אנדערע ווידער מוזען ווירקליך אָבהאַלטען אַנ׳אמת׳ע מלחמה אויף לעבען און טויט אום פאַר זיך אַ ווייב צו בעקומען, כדי דעם דור צו ערהאַלטען.

דער דאָזיגער פיעל-זייטיגער קאַמפף, וועלכען דארווין האָט קורץ אָנגערופען „די מלחמה פאַר׳ן לעבען״, דאָס אכזריות׳־דיגע, בלוטיגע אָבער אייזען-פעסטע געזעץ, וואָס בויט דאָס לעבען און גליק פון יחידים אויף הרוגים און קברים פון פיעלע, פיעלע אַנדערע, געהט דורך דורך דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט ווי אַ רויטער פאָדים. אומעטום איז דאָס שלאַכט-פעלד פיעל מיט הרוגים, וואָס פאַלען אום טאָג איין טאָג אויס אין דער דאָזיגער אומברחמנות׳דיגער מלחמה פאַר׳ן לעבען, וועלכע ווערט געפיהרט ניט בלויז צווישען צוויי פרעמדע מינים, נור

אויך צווישען שפּראַצען פון איין גזע, קינדער פון איין פאָטער און מוטער.

אָט אזא איז דאָס בלינדע, ווי דער טויט שטאַרקע נאַטור־געזעץ פון דער מלחמה פאַר'ן לעבען! די הויפּט־אורזאַכע פון דעם דאָזיגען ברודער־קריג איז דער פשוט'ער ביסען־ברויט, דער ביטערער דוחק אין שפּייז־מיטלען. נאָך מיט עטליכע צעהנדליג יאהר פאַר דאַרווינ'ען האָט דער בעקאַנטער פּאָליטיקער־עקאָנאָם מאַלטוס ענטדעקט אַ געזעץ, לויט וועלכען ס'קומט אויס, אז די בעפעלקערונג וואַקסט גיכער איידער די לעבענס־מיטלען. דאַרווין האָט דאָס דאָזיגע מאַלטוס'שע געזעץ אָנגעווענדעט טיעפער און ברייטער און אויך, אזוי צו זאָגען, וויסענשאַפטליכער. ער האָט אויפגעקלערט, אז אַלע אָרגאַניזמען האָבען פון דער נאַטור אזא מורא'דיגען כח זיך צו מעהרען און צו פרוכפּערען, דאָס אויף דער וועלט וואָלט בשום אופן ניט געסטייעט קיין עסען־זאַכען, אויב אַלע נייע זאָמען וואָלטען אויסגעוואַקסען, אויב אַלע עמבריאָנען (בעפרוכטעטע אייעלעך, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך מיט דער צייט לעבעדיגע בעשעפעניסען) וואָלטען געבאָרען געוואָרען און לעבען געבליבען. עס ווערען געבאָרען אויף דער וועלט ניט בערך מעהר עסער איידער די נאַטור קען זיי געבען עסען־זאַכען. דער פועל־יוצא דערפון איז, אז צווישען די אָרגאַניזמען מוז אויסברעכען אַ שרעקליכער קאַמפף, אַ בלוטיגע מלחמה פאַר'ן ביסען ברויט. און ווער עס איז צוגעגרייט צו דער דאָזיגער מלחמה פאַר'ן לעבען, ווער ס'איז שטאַרקער, קלינגער און בעסער בעוואָפענט, דער געהט אַרויס אַלס אַ בעל־נצחון פון איהר, דער בעקומט די שפּייז פאַר זיך, האָט די מעגליכקייט אַליין צו לעבען און אַלאַנג־לעבעדיגען אַ געזונדען דור נאָך זיך צו לאָזען. דער שוואַכערער, דער ערגער־בעוואָפענטער, דער פאַלט טויט אויפ'ן שלאַכט־פעלד, רייניגט אָב דעם פּלאַץ

פאַר אַנדערע, ניט לאָזענדיג זאָגאַר קיין זכר נאָך זיך, אַזוי אַז דער שוואַכערער מין ווערט פערשניטען אויף אייביג פון דער ערד.

ווי גרויס עס איז די צאָהל פון די לעבעדיגע ברואים און פלאַנצען, וואָס ווערען געבאָרען אָדער וואָלטען ביי גינסטיגע בעדינגונגען קענען געבאָרען ווערען, בעווייזען אונז פאָלגענדע ביישפּילען. פראַנקלין שרייבט, אַז אויב דער גאַנצער כדור הארץ, וואָלט אין אַ שענעם פריה מאָרגען פערלאָרען אַלע זיינע פלאַנצען, און ס'וואָלט איבערגעבליבען ערגעץ וואו בלויז איין מין גראָז, גאַנץ גלייך וועלכער, למשל קראָפּעווע, וואָלט די דאָזיגע קראָפּעווע אין אַ משך פון יאָהרען בעדעקט די גאַנצע ערד-קוגעל מיט אַ גרינעם קראָפּעווע־דעקטוך. אויב אַלע מענשען וואָלטען פון אַ וועלכער ס'איז מגפה, אָדער ערד־ציטערנים אומגעקומען און ס'וואָלט געבליבען בלויז איין משפחה, וואָלט די דאָזיגע משפחה — אין אַ משך נאַטירליך פון טויזענדער יאָהרען — ווידער די ערד אַרום און אַרום מיט מענשען אָנגעפילט. ליניי האָט דעם דאָזיגען געדאַנק אויסגעדריקט אין ריכטיגע מאַטעמאַטישע ציפערען. „אויב — שרייבט ער — די פלאַנצען, וואָס לעבען נור איין זומער, וואָלטען געגעבען סך הכל צו צוויי זאָמען (סיעמענעס) יעדערע — אין דער אמת'ען גיבען זיי אַ סך מעהר — און פון די דאָזיגע זאָמען וואָלטען אַרויסגעשפּראָצט ווידער אַזוינע פלאַנצען, וואָס וואָלטען געלאָזען בלויז צו צוויי זאָמען, אויך דאַמאָלסט וואָלט פון איין אור־פלאַנצע אין אַ משך פון צוואַנציג יאָהרען אַרויסגעוואַקסען אַ גאַנצער מיליאָן אַזוינע פלאַנצען! אוואָלעס ברענגט אין זיין בוך פאָלגענדען פאַל: בשעת קאָלומבוס האָט ענטדעקט אַמעריקאַ, זענען דאָרט קיין אָרטיגע — אַמעריקאַנישע — פערד ניט געוועזען בנמצא, און בעת ער האָט געמאַכט אין זיין ניי־ענטדעקטעס לאַנד זיין צווייטע נסיעה, האָט ער אַהין געבראַכט עטליכע פערד (זכרים און נקבות) און געלאָזען זיי פריי

פיטערען זיך אויף אַ גרויסער ווילדער אינזעל, די פערד זענען דאָרט פערווילדעוועט געוואָרען און אין פרייען ווילדען צושטאַנד אַזוי שטאַרק זיך פערמעהרט, דאָס אין אַ משך פון 25 יאָהר האָט מען אויף דעם אינזעל געפונען פיעלע, פיעלע טשערעדעס ווילדע פערד פון 4 ביז 8 טויזענד קעפּ אין יעדערער. פון דער דאָזיגער אינזעל האָט מען אויך אַריבערגעפיהרט פערד קיין מעקסיקא און אין אַ משך פון נאָך אַהאַלבע מאה יאָהרען האָבען די שפּאַניער, וועלכע האָבען דאָס לאַנד איינגענומען, אַרויסגעפיהרט אין איין יאָהר ביז 70 טויזענד פערדען־פעל פון מעקסיקא און ביז 40 טויזענד פון דער דערמאָנטער אינזעל.

די קראָליקעס, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון אייראָפּא קיין אויסטראַליען, האָבען זיך אויף אַזוי פיעל פערמעהרט אין בערך אַ קורצער צייט, דאָס זיי זענען געוואָרען אַנ׳אמת׳ע אָנשיקעניס: זיי פלעגען צו׳פטר׳זאַלע פעלדער און מ׳האָט געמוזט אָנפיהרען געגען זיי אַ גאַנצע מלחמה. אַ ביישפּיעל פון אונגעהויער גרויסער פרוכטבאַרקייט, וועלכע אַ געוויסער מין קען געבען ביי געוויסע גינסטיגע בעדינגונגען, איז דער היישעריק, וועלכער פערמעהרט זיך אַנ׳אַנדערס מאָל אין איין זומער אַזוי שטאַרק, דאָס ער בעדעקט בפועל „דעם שיין פון דער וועלט“. אויך דער מענשען־מין, דאָס דאָזיגע „צוויי־פיסיגע מילך־זויגע־טיער“ — ווי ער וואָלט איינענטליך געדאַרפט הייסען לויט דער וויסענשאַפטליכער טערמינאָלאָגיע — פרוכפּערט זיך און מעהרט זיך ניט בערך אין אַ גרעסערער צאָהל איידער די ערד איז אימשטאַנד צו געבען פאַר איהם איהר פרוכט *). און אויב די מענשהייט וואָלט

*) לויט מאַלטוס׳עס רעכנונג, וואַקסט די בעפעלקערונג אין אַ „געאָמעטרישער פּראָפּאָרציע“ (ד. ה. אין כפל׳דיגע צאָהלען: פון 1 ווערט 2, פון 2 — 4, פון 4 — 8, פון 8 — 16 א. ז. וו. א. ז. וו. יעדע נייע צאָהל מוז מען אַליין כפל׳ען מיט דער צאָהל 2) און די לעבענסמיטלען, די שפּייזען פערמעהרען זיך בלויז אין אַנ׳„אַריפמעטישער פּראָפּאָרציע“, פון 1 ווערט 2, פון 2 — 3, פון 3 — 4, א. ז. וו. צו יעדער נייער צאָהל מוז מען בלויז מוסיף זיין נאָך איינס.

נעקאָנט בעהאַלטען אַלס לאַנג-לעבעדיגע דורות אַלע עמבריאָנען און זיי וואָלטען ווידער געלאָזען נאָך זיך לאַנג-לעבעדיגע דורות, וואָלט שוין לאַנג אויף דער ערד ניט בלויז קיין שפייז ניט געווען, נאָר אויך קיין פרייער פּלאַץ וואָלט נישט געווען: אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ — בוכשטעבליך — וואָלט מען אויף דער אויבערפלעכע פון דער ערד געשטאַנען. אַפילו קויטסקי — אַ סאָציאַלער אָפּטימיסט — זאָגט, אַז „אויב די נאַטור וואָלט זיך ניט בעוואָרענט מיט איהר אויסראָטען דעם ווייט גרעסטען טייל פון די געבאָרענע, וואָלטען מיר שוין לאַנג אַלע פון הונגער אויסגעשטאָרבען".

עס איז קלאָר, אַז ביי אַזוינע אונגינסטיגע בעדינגונגען, ווען איינער איז געצוואונגען ביי דעם צווייטען בפועל ממש דעם ביסען פון מויל אַרויסצורייסען — הן אין דער פלאַנצען-וועלט, הן אין דער וועלט פון די לעבעדיגע ברואים — אַז ביי אַזוינע בעדינגונגען מוז פאָרקומען אַ מלחמה אויף לעבען און טויט, ווי צווישען פערשידענע מינים, אַזוי אויך צווישען די מיטגלידער פון איין מין גופא.

אַלע ווייסען, אַז אַ גאָרטען מוז מען יעטען, אַז ניט ווערען די אונגערקעס, די בוריקעס, די קרויט און די אַנדערע זריעות פערוואַקסען מיט „ווילדע גראָז, וועלכע לאָזען די געזייטע פלאַנצען ניט ענטוויקלען זיך. וואָס קומט דאָ פאָר אַזוינס? דאָ קומט פאָר די „מלחמה פאַר'ן לעבען" צווישען די „ווילדע" גראָזען, וועלכע זענען בעסער צוגעפּאַסט צו דער סביבה, ד. ה. בעסער בעוואָפענט אין דער מלחמה איידער די געזייטע, די ערשטע שטופּען אַרויס די לעצטע, די שוואַכערע מיוחסים. און וואָלט זיך דער מענש מיט זיין שטאַרקער האַנד ניט אַריינגעמישט אינ'ם דאָזיגען קריעג און מיט גוואַלד ניט אַרויסגעריסען די „ווילדע", בעסער צוגעפּאַסטע פלאַנצען, וואָלטען די לעצטע אין דער מלחמה פאַר'ן לעבען איינגעגאַנגען ביי דער ערשטער...

קינסטליך־פערזייטע. דאָס זעלבע קומט אויך פאָר אין דער חיות-וועלט. נאָך סך-הכל מיט הונדערט יאָהר צוריק איז אין אייראָפּע דער מין ניט געווען פון גרויע מייז — דאָ האָט זיך רוהיג געלעבט און געמעהרט אַ מין שווארצע מייז. זינט מ׳האָט אָבער אָנגעהויבען צו פאָהרען איבער די ימים, האָט מען אויף די שיפען פערפיהרט צו אונז מעבר לים די גרויע־מייז. די לעצטע זענען אָבער בעסער צוגעפּאסט צו די בעדינגונגען פון דעם מייז־לעבען און זיי האָבען די שווארצע מייז כמעט אינגאנצען פערטריבען פון אייראָפּא.

נאָך אזא ארט מלחמה פאר׳ן לעבען קומט אויך פאָר, אזוי צו זאָגען, ביי אונז פאר די אויגען צווישען די צוויי מינים טאראקאנעס: די שווארצע און די רויטע (די „פּרייסען״). די לעצטע זענען בעסער צוגעפּאסט צו די לעבענס-בעדינגונגען פון אונזערע הייזער און זיי האָבען כמעט שוין אינגאנצען פערטריבען פון זייערע איינגעזעסענע ערטער די עלטערע בירגער: די שווארצע טאראקאנעס און פערנומען זייער אָרט אויפ׳ן שלאבט-פעלד. און אזוינע ביישפּילען זענען דאָ אין דער נאטור ווי צווישען די לעבעדיגע ברואים, אזוי אויך צווישען די פלאנצען און ניט זעלטען אויך צווישען די ערשטע מיט די לעצטע זעהר און זעהר פיעל.

V.

ווי אַזוי די מינים ווערען פערענדערט אין דער מלחמה פאַר׳ן לעבען.

מיר געהען איצט איבער צום סאמע אינטערעסאנטסטען טייל פון דער דארוויניסטישער טעאָריע, און אויך, אזוי צו זאָגען, צו דעם סאמע וויכטיגסטען, צום עיקר פונ׳ם דארוויניזם

און מיר וועלן עס ערקלערן גלייך מיט פשוט׳ע און קלאָרע ביישפּיעלן פון דעם אַלטעגליכען לעבען אין דער חיות-וועלט.

אַנ׳אָדלער למשל, וועלכער איז פון דער נאַטור גענוג שטאַרק, האָט פאַר קיינע פיינד (אויסער אַ מענשען נאַטירליך) קיין מורא נישט, זיין מלחמה פאַר׳ן לעבען, וואָס ער פיהרט מיט די לייבליכע ברידער פון זיין מין גופא, איז מעהר נישט ווי איבערען פּשוט׳ען ביסען-ברויט. וואָס מעהר אָדלערס עס פערפיהרען זיך אין אַ וועלכען ס׳איז געגענד, אַלץ ווייניגער ווערען דאָרט די פעלד-מייז, די האָזען, די קלענערע סאָרטען פייגעלעך, מיט וועלכע דער אָדלער נעהרט זיך. וואָס ווייניגער ס׳ווערען אָבער די דאָזיגע קליינע ברואים, אַלץ גרעסער ווערט די קאָנקורענץ צווישען דער אָדלער-משפּחה, אַלץ שטאַרקער ווערט דער קאַמפּף פאַר דעם נאָך איבערגעבליבענעם האָז, קליינעם פויגעל א. אז. וו., אַלץ שאַרפער ווערט אַלזאָ די „מלחמה פאַר׳ן לעבען״. דער אָדלער, וועלכער עס קען פלינקער פליהען, האָט אַ וויטערע ראיה און אַ שטאַרקערען שנאָבעל, דער, פערשטעהט זיך, וועט פריער פון דער הויך די פעלד-מויז, דעם האָז דערזעהן, וועט שנעלער זי דעריאָגען און פערצוקען. דער שוואַכערער וועט מוזען ליידען הונגער, יונגערהייט פון דער וועלט אַוועק געהן, אָדער גאָר אָהן קינדער, אָדער לאָזען נאָך זיך אַ שוואַכען דור, וועלכער וועט סוף כל סוף אינגאַנצען מוזען אויסשטאַרבען. דער שטאַרקער אָדלער מיט דער שטאַרקער אָדלעריכע וועלן געבאָרען נאָך שטאַרקערע קינדער איידער זיי אַליין זענען, און אויף אַזאַ אופן וועט דער מין אָדלער׳ס אינ׳ם שווערען קאַמפּף פאַר׳ן לעבען אויסגעבעסערט ווערען: פון אַ נידעריגערען סאָרט וועט זיך מיט דער צייט ענטוויקלען אַ העכערער.

אַ צווייטער ביישפּיעל.

אַ האָז, וועלכער מוז זיין גאַנצען לעבען אָבלעבען אין איינע ציטערנים פאַר זיינע פיינד (ניט אומזיסט זאָגט די וועלט: „ער ציטערט ווי אַ האָז״), וואָס זענען פיעל און פיעל, וואו ער טוט זיך קעהרען און ווענדען, אַ האָז מוז, נאַטירליך, בסדר שטעהן אויף דער וואך, אויפפּאַסען מיט אַלע זיינע חושים, צו פאַלט ווער אויף איהם ניט אָן. ראַטעווען זיך פון טויט קען ער נאַטירליך ניט מיט זיין גבורה, וועלכע ער האָט ניט, נור דורך דעם ענטלויפען און פערבאָרגען זיך פון זיינע פיינד; און דערצו האָט ער פאָלגענדע מיטלען: ערשטענס לויפט ער זעהר גוט; צווייטעס, מאַכט ער אויסגעצייכענטע שפּרינגען אָן אַ זייט, („האָזען־שפּרונגען״), אַזוי אַז דער פערפאָלגער קען נאָך איהם ניט נאָכשפּרינגען, דאָס אויף רעכטס, דאָס אויף לינקס; דריטענס, האָט ער אַזאַ גרוי־ברוינעם פעלץ, וועלכער איז שטאַרק ענליך אויף אַ קאָם ערד אָדער אויף אַ שטיין, אַזוי, אַז ער לעגט זיך אַוועק רוהיג אויף דער ערד, פערפיהרט ער דערמיט אין אַ טעות זיין פערפאָלגער, וועלכער גלויבט, אַז דאָס איז באמת אַ שטיק ערד אָדער אַ שטיין. עס איז קלאָר, אַז יענע האָזען וועלען גיכער אַלס קרבן פאַלען, וועלכע זענען פון דער נאַטור ווייניגער בעשענקט מיט די אויבענבעשריבענע האָזען־מעלות. בלויז די האָזען, וואָס לויפען פלינק, שפּרינגען גוט, בעזיצען אַ פעל פונ׳ם ערד־קאָליר, האָבען דערצו נאָך אַ שאַרפען חוש־הראיה און חוש־השמיעה, — בלויז אַזוינע „אויסדערוועהלטע״ קענען ביישטעהן אינ׳ם קאַמפּף פאַר׳ן לעבען, עלטערען זיך בשלום און לאָזען נאָך זיך אויך אַ דור, וועלכער וועט די אויבענדערמאָנטע מעלות האָבען נאָך אין אַ העכערען גראַד, ווייל ער וועט שוין שטאַמען פון אַזוינע עלטערען.

דאָ זעהען מיר ווידער, ווי אינ׳ם קאַמפּף

פאר׳ן לעבּען ווערט דער מין אויסגעבעסערט; שטייגט פון אַנידעריגערער אויף אַ העכערער שטופע.

נעהמען מיר דעם זעלביגען ביישפּיל, אַזוי צו זאָגען, אויפ׳ן לינקען זייט. שטעלט אייך פאָר, אַז דער בער, דער גרוי־בּרוינער אומגעלומפּערטער בער,— אַזוי ווי דער געוואוינליכער בער אונזערער זעהט אויס,— וואָלט זיך געלאָזט אויף נעיעג אין צפון־געגענד, וואו די גאַנצע אָרטשאַפט ארום אין ארום איז פערצויגען מיט אַ העל־ווייסען דעקטוך פון שנעע. וועלכער שוטה וואָלט פון איהם ניט ענטלויפען, בעמערקענדיג איהם פאַר אַ מייל? דער שוואַרצער בער וואָלט אינ׳ם ווייטען צפון געמוזט פון הונגער אויסגעהען. בלויז יענער בער וואָלט נאָך געקענט וואָס בעקומען, ווער עס האָט אַ מעהר אָדער וועניגער ווייסע פעל און קען פון דער ווייטען בלייבען מעהר אָדער וועניגער אונבעמערקט פאַר זיינע קרבנות.

איבער אָט דער דאָזיגער אורזאַכע זענען אַלע שוואַרצע בערען אויפ׳ן צפון אויסגעשטאָרבען און מיט דער צייט האָבען זיך דאָרט אינ׳ם „קאַמפּף פאַר׳ן לעבען" געבילדעט בלויז שנעע־ווייסע בערען. דאָס זעלבע איז אויך געשעהען מיט די קלענערע חיות, וועלכע ס׳דאַרפען, פערקעהרט, מורא האָבען פאַר די גרעסערע, זיי זאָלען זיי ניט פערצוקען. אויך פאַר זיי איז די ווייסע פאַרב דאָרט אינ׳ם ווייסען צפון־קאַנט זעהר אַ גוטער שוץ־מיטעל אינ׳ם קאַמפּף פאַר׳ן לעבען, און אויך זיי האָבען דאָרט אין אַ צייט פון יאָהרען און דורות בעקומען אינ׳ם קאַמפּף פאַר׳ן לעבען אַ ווייסע הויט־פאַרב. דאָס איינציגע לעבעדיגע בעשעפענים אויפ׳ן ווייטען צפון, וואָס האָט זיין שוואַרצע פאַרב אויף וויים ניט אומגעביטען, איז דער קראָהע (די וואָראָנע). אָבער גראָד אָט דער „יוצא מן הכלל", דער דאָזיגער אויסנאַהם,

בעוויזט ערשט רעכט, ווי ריכטיג דארווינ׳ס כלל איז: דער קראַה האָט פאר אַנדערע רויב־פויגעל קיין מורא נישט, ער איז דערצו געגוג שטארק און פלינק; אליין לעבט ער אויך פון רויב נישט, ער שפייזט זיך בלויז מיט נבלה. איהם אלזאָ וואָלט די ווייסע פארב קיין שום נוצען אין לעבען ניט געבראכט אין קיין פרט ניט און ער איז דעריבער געבליבען שווארץ, ווי געוועזען אויך אינ׳ם פור־ווייסען צפון־לאַנד.

גראָד אָט דער שווארצער בן־יחיד, דער קראָה, בעוויזט אונז בעשיינפערליך, ווי ריכטיג דער דארוויניזם אין זיין הויפט־פונקט איז, מיר וואָלטען געקאָנט ברענגען נאָך פיעלע, זעהר פיעלע ביישפילען פון דער פלאנצען־און חיות־וועלט, ווי אזוי דער „קאמפף פאר׳ן לעבען״ פיהרט צו א פערבעסערונג פונ׳ם מין, נאָר דער פלאץ ערלויבט עס אונז ניט צו טון און מיר וועלען דעריבער שליסען אונזער קאפיטעל מיט די ווערטער פון דארווין גופא:

„אָט אזוי קומט עס ארויס פון דער אייביגער מלחמה אין דער נאטור, פונ׳ם הונגער און טויט, די לעזונג פון דעם העכסטען פראָבלעם, וועלכע מיר ווילען דערגרייכען: די ענט־שטעהונג פון אלץ העכערע און פאָלקאָמענערע מינים״. (דארווין „ענטשטעהונג דער ארטען״. קאפיטעל 15).

VI.

די איבעריגע צוויי כללים פונ׳ם דאַרוויניזים.

אויסער דער „מלחמה פאר׳ן לעבען״, וועלכע געהט אריין אין דעם דארווינישען נאטור־פילאָזאָפישען בנין אלס דער הויפט־פונדאמענט־שטיין, געהערען צום דארוויניזים נאָך די פאָלגענדע צוויי כללים אָדער געזעצען:

1) די טבע פון די אָרגאניזמען זיך צו פערענדערען אונטער

דער ווירקונג פון דער סביבה און די לעבענס־בעדינגונגען. („דאָס פעריענדערונגס־געזעץ״, אָדער „די ווירקונג פון דער סביבה״).

2) די מעגליכקייט איבערצוגעבען בירושה פון דור צו דור די אָדער יענע קערפערליכע און אויך גייסטיגע אייגענשאַפט. — „דאָס פערערבונגס־געזעץ״.

די דאָזיגע צוויי כללים געהען אריין, אזוי צו זאָגען, אלס פרטים אינ׳ם הויפט־כלל פון דעם דארוויניזים: אינ׳ם כלל פון דער מלחמה פאַר׳ן לעבען.

מיר וועלען עס פרובען ערקלערען אביסעל אויספיהרליכער.

דער ערשטער כלל — די פערענדערונג פון די אָרגאַניזמען, וועלכע עס קומט פאָר מיט דער פערענדערונג פון דעם „ארום״, פון דער סביבה, ווי למשל, דער קלימאַט, די שפייזען, די ארומיגע שכנים א. אז. וו. א. אז. וו.

וועגען דעם האָבען מיר שוין צום טייל גערעדט ביי דער ערקלערונג פון דער מלחמה פאַר׳ן לעבען. מיר וועלען דאָ בלויז ברענגען נאָך עטליכע ביישפּילען, וואָס וועלען אונז דעם געדאנק נאָך קלערער מאַכען.

ווען למשל א מענש, — נאָך בעסער א יונג קינד — זאָל אָנהויבען געהן מאָג־טעגליך באָרוויס, וועט זיך ביי איהם אויפ׳ן טראָט פון זיינע פיס ניט אין זעהר א לאַנגער צייט ארום, בילדען א דיקע, האַרטער הויט, אזוי ווי פון רימען; און ער וועט קענען פריי טרעטען איבער שטיינער און דערנער ניט פערשטעכענדיג זיינע פיס וועדליג א מענש, וואָס געהט אום שטענדיג אין שוך־ווארג, קען בפועל קיין טראָט ניט מאַכען דרויסען באָרוויסערהייד, ער זאָל זיך זיינע פיס ניט צוקאַליעטשען.

זאָל אונזערער א געוועהנליכער מענש אַבוואַוינען יאָהרען לאַנג אין א ווייטען און ברייטען גלאַטען מדבר, אָדער אויך

אויפ'ן מיט'ן ים, וועט ער זיך אין אַ משך פון מעהר אָדער וועניגער יאָהרען, אויסלערנען קוקען אויףביידע זייטען — אויף רעכטס און אויף לינקס — מיט אַמאָל און מיט דער צייט וועלען ביי איהם די אויגען ווערען אַזוי, ווי ביי די קאַלמיקען, איינס וועט קוקען שטענדיג אויף רעכטס, דאָס צווייטע אויף לינקס.

ביי די, וואָס שפּיעלען יאָהרען־לאַנג אויפ'ן פידעל, ווערען די פינגער פון דער לינקער האַנד לענגער איידער פון דער רעכטער. ביי מוהלים וואַקסען די נעגעל פון די גודל'ען בעסער איידער די נעגעל פון די איבעריגע פינגער.

די ווייסע פאַרב פון די צפון־חיות, די גרינע פאַרב פון פיעלע ווערים און פליגען, דאָס ערד־קאָליר פון דעם האָזען־פעל, די פאַסען־פעל פון דער זעברא *) און נאָך פיעלע אַנדערע — דאָס זענען אַלץ ערשיינונגען פון איין קאַטעגאָריע: די ענדערונג פון די אָרגאַניזמען אונטער דער ווירקונג פון דער סביבה און די לעבענס־בעדינגונגען.

אין דאַרווינ'ס בוך „די הויז־טיערען און די געזייטע פלאַנצען" זענען דאָ אַמאַסע אויסערסט אינטערסאַנטע ביישפּילען, ווי אַזוי דער מענש האָט, ענדערענדיג די נאַטירליכע לעבענס־בעדינגונגען פון די חיות און פלאַנצען, גאָר אינגאַנצען אומגעענדערט דעם מין זייערען אַזוי, אַז צוויי מינים טויבען למשל, וואָס שטאַמען בלי ספק פון איין עלטער־עלטער זיידען און באָבען, אונטערשיידען זיך איצט מעהר איינע פון די אַנדערע איידער דער מין טויבען בכלל פון גאָר אַנ'אַנדער מין פויגלען.

*) די זעבראַ וואוינט אויף גלאַטע פעלדער, וואו עס וואַקסען בלויז זאַנגען. בעהאַלטען זיך פון איהרע שונאים, פונ'ם לייב למשל איז ניטאָ וואו. זי קען בלויז עגטלויפען ווייט און אַוועקשטעלען זיך נעבען די זאַנגען, די פאַסקעס פון איהר פעל נאַרען אָפּ דעם לייב: ער מיינט, אַז דאָס זענען זאַנגען.

לויט דעם דאַרוויניזים זענען די ברואים מיט וואַרעמען בלוט (ווי בעקאַנט זענען דאָ צווייערליי לעבעדיגע בעשעפעניסען): 1) קאַלט-בלוטיגע, ד. ה. אַזוינע אין וועמענס אָדערען עס פליסט קאַלטעס בלוט, ווי פיש, פראָשען א. ד. ג. און 2) וואַרעם־בלוטיגע, ווי למשל דער מענש, וועמעס בלוט ס'האָט שטענדיג די טעמפּעראַטור פון ערך 37 גראַד. לויט דער דאַרוויניסטישער היפּאָטעזע זענען די וואַרעם-בלוטיגע ברואים אַרויסגעקומען פון די קאַלט־בלוטיגע. דאָס בלוט אין זייערע אָדערען האָט זיך דערוואַרעמט פּשוט דערפון, וואָס זיי האָבען־־ איבער דער אָדער יענער אונז אונבעקאַנטער סיבה־־ אָנגעהויבען לעבען אין אַנ־אַנדער סביבה: זיי זענען אַרויס פון וואַסער אין די לופט. אין דער לופט געפינט זיך אָבער ניט בערך מעהר זויער־שטאָף ־־ אַזאַ גאַז, וועלכער איז דאָ אין אונזער אַטמאָספערע ביז 20 פּראָצענט בערך־־ איידער אין וואַסער *) אין דער דאָזיגער זויער-שטאָף, אָדער אויך „ברענשטאָף", ווי מ'פלעגט איהם אַמאָל רופען, ווייל ער האַלט אונטער יעדע פערברענונג, וועלכע קען אָהן איהם ניט פאָרקומען,־־ דער דאָזיגער זויער־שטאָף פון דער לופט האָט עס גורם געווען, דאָס די קאַלט־בלוטיגע זענען מיט דער צייט מגולגל געוואָרען אין וואַרעם־בלוטיגע; און אויף אַזאַ אופן איינגאַנצען אומגעענדערט דעם מין.

דער צווייטער כלל אָדער „דאָס פערערבונגס-געזעץ", ד. ה. דאָס איבערגעבען בירושה די אָדער יענע אייגענ־שאַפט פון איין דור צום צווייטען. דאָס דאָזיגע געזעץ ברויכט ניט קיין לאַנגע פּירושים. די גאַנצע וועלט זאָגט אויף קינדער, וואָס זענען אין דעם אָדער יענעם פּרט געראָטען אין די עלטערען:

---

*) מיר ריעדען דאָ וועגען דעם פריי ען, גאַזפאָרמיגען זויער־שטאָף, אין ניט וועגען דעם כעמיש־געבונדענעם.

„דער עפּעל פאַלט ניט ווייט פון בוים". אַ יודיש־וואָרט ספּעציעל זאָגט: „ברא כרעה דאבוה" — אזוהן איז דאָס קנעכעל פונ'ם פאָטער —ביידע שפּריכ־ווערטער זאָגען ארויס איין און דעם זעלביגען געדאנק, אז קינדער זענען ענליך צו זייערע עלטערען. וויסען דאָך אַלע, אז מ'קען ניט זעלטען דערקענען אַ קינד נאָכ'ן פאָטער אָדער נאָך דער מוטער נאָך, אז קינדער זענען בכלל צי לויט זייער פּנים, צי לויט זייערע תנועות אָדער לויט'ן קול ענליך אויף זייערע עלטערען.

פונוואַנען קומט עס? ווייל די עלטערען גיבען איבער בירושה זייערע קינדער זייערע אייגענשאַפטען, וועלכע געפינען זיך אין די זאָמען פונ'ם פאָטער און די אייעלעך פון דער מוטער אין אַפערבאָרגענעם צושטאַנד. און ניט בלויז פיזישע, קערפּער־ליכע אייגענשאַפטען, נאָר אויך גייסטיגע ווערען דאָס רוב איבערגעגעבען בירושה פון עלטערען צו קינדער, צו קינדס־קינדער א. ז. וו. ניט אומזיסט זאָגט מען: „אַ דור פון רבנים", „אַ דור פון חזנים", א. ד. גל.

אמת, די דאָזיגע „פערערבונגס־טעאָריע" האָט ארויסגע־רופען גרויסע סכסוכים אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט, און אפילו די דאַרוויניסטען גופא זענען אין דעם פּרט ניט גאָר אינגאַנצען איינשטימיג מיט זייער רבין, מיט דאַרווינ'ען גופא. אָט אזוי האָט דער בערימטער ביאָלאָג וויסמאַן ארויסגעטראָטען געגען דאַרווינ'ען. לויט זיין מיינונג קענען איבערגעגעבען ווערען בירושה נור אזוינע אייגענשאַפטען, מיט וועלכע דאָס לעבעדיגע בעשעפעניס איז מתחילה געבאָרען געוואָרען. די אייגענשאַפטען אָבער, וועלכע דאָס בעשעפעניס האָט בעקומען אין דעם משך פון זיין לעבען, דורך זיין צופּאַסונג צו דער אָדער יענער סביבה, צו די אָדער יענע בעדינגונגען אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, ניט די געבאָרענע נור די געוואָרענע אייגענשאַפטען קענען, לויט

ווייסמאַנ׳ען, בירושה ניט איבערגעהן.

לויט דאַרווינ׳ען ווערען איבערגעגעבען בירושה ווי די געבאָרענע, אזוי אויך די געוואָרענע — און פאראַן איצט זאָגאַר פון די נייע דאַרוויניסטען, וואָס זענען דערינען מסכים מיט דאַרווינ׳ען.

עס געהט אויך אַ שטרייט, ווי, אויף וועלכען וועג, ווערען איבערגעגעבען די אָדער יענע אייגענשאַפטען בירושה, צי דירעקט פון עלטערען צו קינדער, לויט דער „גלייכער ליניע״, אָדער זיי שפּרינגען איבער אַ דור צו צוויי און רופען זיך אָב ביי די קינדס-קינדער אָדער זאָגאַר ביי די אור-אייניקלעך, אָדער זיי קעהרען גאַר אָב אָן אַ זייט, קומען אָן צום טייל צו די קינדער פון ברידער און שוועסטער, אָדער צו אַנדערע זייטיגע קרובים אין דער משפּחה. די אַלע פראַגען זענען נאָך עד היום ניט אויפגעקלערט געוואָרען אינגאַנצען אין דער וויסענשאַפט. איינס איז אָבער זיכער, אַז די אָדער יענע אייגענשאַפטען ווערען וועניגסטענס צום טייל איבערגעגעבען בירושה פון דור צו דור. און דערמיט איז דאָס „פערערבונגס-געזעץ״ אריין אין דער ביאָלאָגיע אַלס אַ פעסט נאַטור־געזעץ.

VII.

די נאַטירליכע אויסוואהל און דער טריאומפף פונ׳ם דאַרוויניזם.

מאַכען מיר אין אונזער שלוס-קאַפּיטעל אַ סך-הכל פון אַלץ, וואָס מיר האָבען ביז איצט בעשריבען, ד. ה. פון די איינצעלנע טיילען פון דער דאַרווינישער טעאָריע, דאַן בעקומען מיר פאָלגענדעס גאַנצעס בילד פון דעם, וואָס עס שפּילט זיך אָב אין דער לעבעדיגער וועלט, ד. ה. אין דער וועלט פו

די פלאַנצען און ברואים.

אין דער שווערער „מלחמה פאַר'ן לעבען", וואָס די פלאַנצען און די לעבעדיגע ברואים, קומט אויס צו פיהרען טאָג־טעגליך פאַר זייער חיונה, געהט יענער ארויס מיט נצחון, ווער ס'איז פון דער נאַטור אָדער דורך געוועהנהייט מעהר צוגעפאַסט צו דער סביבה און צו די לעבענס־בעדינגונגען, אין וועלכע איהם קומט אויס צו קעמפפען פאַר זיין עקזיסטענץ. די דאָזיגע פון דער נאַטור אויסדערוועהלטע יחידים־זכרים און נקבות—לעבען איבער די קערפערליך־שוואכע, גייסטיג וועניגער פעהיגע צו דעם קאַמפף פאַר'ן לעבען, פאַרען זיך צוזאַמען און געבאָרען איונגען דור, וועלכען זיי גיבען איבער בירושה זייערע גינסטיגע און בעסערע איינענשאַפטען, אויף אזא אופן קלייבט די נאַטור אליין אויס די בעסערע און די גערעטענערע, וועלכע מעהרען זיך און פרוכפערען זיך און לאָזען קינדער נאָך בעסערע און נאָך גערעטענערע, ווייל זיי שטאַמען שוין פון אויסדערוועהלטע עלטערען. דעם דאָזיגען קאָמפליצירטען פראָצעס, וועלכער עס שפילט זיך אָב אין דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט, האָט דאַרווין דעריבער א נאָמען געגעבען „די נאַטורליכע אויס־וואהל", ד. ה., דאָס, וואָס די נאַטור אליין אָהן אשום בעוואוסטזיין און א העבערען ווילען און שכל וועהלט אויס די בעסערע פון די ערגערע.

אזוי אָבער, ווי אויך די אויסדערוועהלטע קומט אויס צו לעבען ניט אלעמען ביי גלייכע בעדינגונגען און אין א גלייכער סביבה, ענדערען זיך מיט דער צייט א טייל פון די „אויסדערוועהלטע". די נאַטור וועהלט פון זיי ווידער אויס די בעסער צום לעבענס־קאַמפף צוגעפאַסטע. דער היוצא מזה, איז, אז אין דער „מלחמה פאַר'ן לעבען", בענוצענדיג זיך מיט דעם, וואָס די

אָרגאַניזמען קענען זיך ענדערען אונטער דער ווירקונג פון דעם אַרום („דאָס פערענדערונגס־געזעץ") און קענען איבערגעבען בירושה די געבאָרענע אָדער געוואָרענע אייגענשאַפטען („דאָס פערערבונגס־געזעץ") בעסערט אויס די נאַטור בסדר איהרע מינים, ענט־וויקעלט זיי פון נידעריגע צו העכערע, פערמעהרענדיג דערביי אויך די צאָהל פון די מינים, ווייל אין דער „נאַטירליכער אויס־וואַהל" פערענדערען זיך אויף אַזוי פיעל מיט דער צייט די אייגענשאַפטען פון די קומענדיגע דורות, דאָס זיי ווערען אינ־גאַנצען פערשיעדען פון זייערע אור-עלטערען.

ווי דער לעזער זעהט, איז אין דעם געזעץ פון דער נאַטירליכער אויסוואַהל איינגעשלאָסען דער גאַנצער דאַרוויניזם.

מיט דער נאַטירליכער אויסוואַהל ערקלערט דאַרווין די ענטשטעהונג פון די מיליאָנען פערשידענע פלאַנצען און לעבע־דיגע ברואים פון איין אָדער פון אייניגע פשוט'ע נידעריגע לע־בעדיגע אָרגאַניזמען. אין אַ רייהע פון מיליאָנען יאָהרען האָט די נאַטור אויסגעוועהלט איין מין פון דעם צווייטען, אַ העכערען פון אַ נידעריגערען און אַזוי איז דאָס מין־בריאה געשטיגען אויף דעם לייטער פון דער ענטוויקלונג, פון אַ נישט־ווערטען, נישט־מערקבאַרען מיקראָבל, איבער די פיש, ווערים, שלאַנגען, פיער־פיסיגע ברואים, ביז זי האָט דערגרייכט צו דער שטופע פון אַ מענשען־ענליכען אף (אָבעזיאַנע); און פון איהר צום קרוין פון דער נאַטור, צו דעם „בחיר כל היצירים" — צום מענשען *)!

*) פיעלע פלאַכקעפּיגע מענשען פיהלען זיך בעליידיגט פון דעם דאָזיגען דאַרוויניסטישען סדר־היחוס. מיר וועלען דעריבער ברענגען דאַרווינ'ס אייגענע ווערטער וועגען דעם. „איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַן אור-אייניקעל פון יענער, איהרע חברים טרייער און טאַפּערער אַפּע, וואָס

צום שלום נאָך עטליכע ווערטער וועגן דעם טריאומף פונ׳ם דאַרוויניזם אין דער לעצטער צייט בכלל-און אין דער סאַמע לעצטער צייט בפרט.

איינע פון די הויפּט־טענות געגען דעם דאַרוויניזם איז די פאָלגענדע: אויב דאַרווין איז טאַקע גערעכט, אַז די מינים פערענדערען זיך אין דער משך פון דער צייט, טאָ פאַר וואָס איז די דאָזיגע פערענדערונג, דער דאָזיגער גלגול פון איין מין אין דעם צווייטען, נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען, אַזוי צו זאָגען, ביים מענשען פאַר די אויגען? מיר האָבען דאָך בעשרייבונגען פון פלאַנצען, חיות, עופות און אַנדערע ברואים, וואָס זענען אַלט פיעלע הונדערטער יאָהרען. פאַר וואָס האָבען די ביאָלאָגען נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט בעמערקט אַזא פערענדערונג, און ניט פערצייכענט קיין נייעם מין, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט פון אַפריהערדיגען אַנ׳עלטערען?

און די זעלביגע שאלה שטעלט מען אויך בנוגע צו דאַרווינ׳ס ערקלערונג וועגען דער אָבשטאַמונג פונ׳ם מענשען. אויב אַ מענש איז אַגלגול פון אַ אַפּע, טאָ, וואו איז דער איבערגאַנגס־טיפּ, דאָס מיטעל-גליעד, דער האַלב־מענש און האַלב־אַפּע, וואָס האָט אונבעדינגט געדאַרפט דאָך עקזיסטירען?

מען מוז מודה זיין, אַז די אויבענגעשטעלטע שאלות

האָט זיך אומגעקעהרט פון בּאַרג. אַראָפּ אום מיט אייגענע מסירת־נפש איהרען אַשוואַכערען חבר פון די שונאים׳ס הענד — מענשען — צו ראַטעווען, איידער צו האָבּען פאַר אַנ׳עלטער־זיידען יענעם ווילדען מענשען, וועלכער פרעגעלט זיך פון נחת, בעת ער צורייסט אויף שטיקער זיינעם אַ מיט מענשען, וועלכער בּרענגט מענשען־קרבּנות, פּייניגט אומבּרח־מנות׳דיג קליינינקע קינדערלעך, פערהאַלט זיך צו זיינע ווייבּער ערגער איידער צו בּהמות, וויים פון קיינע בּזיונות ניט און גלויבּט אין ווילד־משונה׳דיגע אבערגלויבּענישען״. (דאַרווין די אָבשטאַמונג פונ׳ם מענשען).

האָבען פּיעלע דאַרוויניסטען אין פערלעגענהייט געשטעלט. מ׳האָט ביז דער לעצטער צייט אַלעמען געגעבען נור איין תירוץ: די פערענדערונג פון איין מין אין דעם צווייטען קומט פאָר אין דעם משך פון אַזאַ מורא׳דיג לאַנגען פעריאָד, דאָס ס׳איז אונמעגליך אַפילו געשיכטליך צו פערפאָלגען. דער דאָזיגער ענטפער איז אָבער בלויז צום טייל בעפרידיגענד, איבערהויפּט נאָך, ווען מען זאָל ניט פערגעסען, אַז דער דאַרוויניזם אַליין איז נאָך קוים אַ האַלבע מאה יאָהרען אַלט און ביז דאַן האָט קיינער גאָר ניט געטראַכט וויסענשאַפטליך נאָכצושפּירען נאָך דער פערענדערונג פון די מינים.

די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהרען, ווען די ביאָלאָגען פון אַלע לענדער האָבען זיך ענערגיש גענומען צו דער זאַך. האָבענדיג דעם „דאַרוויניזם״ אַלס אַ וועג־ווייזער, אַלס אַ „סנאָפּ־ליכט״, האָט זיך זיי טאַקע איינגעגעבען פּראַקטיש צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון דער דאַרוויניסטישער עוואַלוציאָנס־טעאָריע.

אָט זענען פאַקטען:

אויף דער אינזעל פּאָרטאָ־סאַנטאָ, זענען פון דער נאַטור קיין מילך־זויגער נישטאָ. מיט אַ צוויי־דריי הונדערט יאָהר צוריק האָט מען אַהין געבראַכט פון דער פרעמד אונזערע געוועהנליכע קראָליקעס. לעבענדיג גאָר אין אַנ׳אַנדער סביבה, ביי דורכאויס אַנדערע לעבענס־בעדינגונגען און גאַנץ אָבגעזונדערט פון זייערע היימישע מין־ברידער, האָבען זיי זיך מיט דער צייט פּראַקטיש פערענדערט אין גאָר אַנ׳אַנדער מין, וועלכער איז ניט

אַל די דאָזיגע „שעבע מעלות״ אויף דעם ווילדען „נאַטור־מענשען״ האָט זיך דאַרווין אָנגעזעהען אין דעם „פייער־לאַנד״, וואו דאַרווין איז געוועזען אויף זיין רייזע דאָס ערשטע מאָל אויפ׳ן שיף „ביגל״ בשעת ער האָט צוזאַמען מיט׳ן קאַפּיטאַן אַהין אָבגעפיהרט די צוויי ציוויליזירטע „ווילדע״, וועלכע האָבען געזאָלט דאָס „פייער־לאַנד״ קולטיווירען.

בלויז לויט זיין אויסערען געשטאלט פערשידען פון זיינע אור־עלטערען, נאָר וועלכער לאָזט זיך איצט נים צו־נויפפאָרען מיט אונזערע קראָליקעס (אין דער ביאָ־לאָגיע רעכענט זיך פאר׳ן הויפּט־סימן פון דער בעזונדערקייט פון צוויי מינים, ווען זיי פּאָרען זיך נים איינע מיט דער צווייטע).

אין א צווייטען אָרט בעמערקט זיך, ווי קראָליקעס ווערען אומגעענדערט אין א מין חיות, וואָס לעבען אויף בוימער. פון א דריטען אָרט שרייבט מען, אז א געוויסער מין פּאָפּוגאיעס, וואָס האָט זיך פריער געשפּייזט מיט גראָזען און ווערים, איז איצט געוואָרען א רויב־פויגעל, וועלכער דורשט נאָך בלוט ווי א קאָרשון, אָדלער א. ד. ג. אין אונגארען האָט זיך אין א משך סך־הכל פון דרייסיג יאָהר א פלינעלע, וואָס פלעגט וואוינען אויף די אָרטיגע בוימער, אינגאנצען אומגעענדערט, באלד ווי מ׳האָט אין יענעם געגענד קינסטליך גענומען פלאנצען אנדערע בוימער. אין דעם לעצטען פאל זעהט מען, אזוי צו זאָגען, מיט די אויגען די ריכטיגקייט פון דעם דארוויניזם.

אָבער נאָך א גרעסערען טריאומפף פאר׳ן דארוויניזם איז געווען אין 1909, אינ׳ם דארווינישען יובילעאום־יאָהר, פער־שאפט פאר איהם דער דייטשער אַנטראָפּאָלאָג, פּראָפעסאָר שעטענזאק, וועלכער גראָבט זיך שוין מעהר אלס צוואנציג יאָהר ארום היידעלבערג. די לעצטע צייט האָט ער געפונען, אין דעם ערד־פלאסט, וועלכע די געלאָגען רופען, „די פיערטע פאָרמאציע״, א באק־ביין, וועלכע האָט געהערט בלי ספק אַנ׳־אור־אַלטען מענשען. אין דער דאָזיגער באק־ביין פון אדם־הרא־שוינ׳ם אנ׳עלטער־זיידען זענען נאָך פעסט געזעסען אלע ציינער, וועלכע זענען דורכאויס מענשליכע. די באק־ביין גופא איז אין פיעלע פרטים עהנליך אויף א באק־ביין פון אנ׳אף (אָבעז־זיאַנע), זי איז צוויי מאָל אזוי דיק, ווי א מענשליכע; דערפאר

אָבער איז זי קורצער איידער אַ באַק־ביין פון אַנ׳אַף. די איבעריגע פּרטיות׳דיגע בעשרייבונג פון „אדם הראשונ׳ס עלטער זיידענ׳ס״ באַק־ביין וועלען מיר דורכלאָזען. דאָס געהערט מעהר צו ספּעציאַליסטען.

דעם דאָזיגען אור־מענש האָט דער פּראָפעסאָר שעטענזאַק אַ נאָמען געגעבען Homo Heidelbergensis ד. ה. „דער היידעלבערגער מענש״.

און ד׳ער דאָזיגער „מענש פון היידעלבערג״ איז געווען די בעסטע מתנה, וואָס די וויסענשאַפטליכע וועלט האָט געקענט ברענגען דעם יובילאַר דאַרווינ׳ען, צו זיין הונדערט־יאָהריגען יובילעאום!

און אויב דער דאַרוויניזם האָט זיך ארויסגעוויזען אַזוי שאַרף ריכטיג אין זיינע הויפּט־פּונקטען, דאַרפען מיר אפשר גאָר נים וואַרטען ביז די נאַטור אַליין וועט אונז פון דעם היינטיגען אונפאָלקאָמנעם מענשען „אויסדערוועהלען״ אין אַ משך פון מיליאָנען יאָהרען, אַ העכערען מין מענש, אַ מין אויבער־מענש. מיר קענען אפשר אַליין אוועקשטעלען דעם מענשען אין אַזאַ גינסטיגער סביבה, אין אַזוינע גינסטיגע בעדינגונגען, דאָס ער זאָל זיך מיט דעם וועג פון דער „קינסטליכער אויסוואַהל״ אויפהויבען אויף אַנ׳אונגעהויער העכערער שטופּע.

דעם דאָזיגען געדאַנק האָט שאַרף און בולט ארויסגעזאָגט בעבעל אין זיין בעריהמטען בוך „די פרוי און דער סאָציאַליזם״. און מיט זיינע ווערטער וועלען מיר אויך שליסען אונזער אָבהאַנדלונג וועגען דאַרוויניזם.

„וויבאַלד — שרייבט בעבעל — אז ביי דער אָנווענדיג פון די דורך דאַרווין ענטדעקטע נאַטור־געזעצען קען מען אין דער פלאַנצען און חיות־וועלט בפועל וואונדער בעווייזען דורך קינסטליכען אויסהאָדעווען פון די בעסטע מינים, איז אויך קיין שום

ספק ניט, אַז ביים מענשען קענען אויך די דאָזיגע געזעצען פיהרען צו וואונדערליכע רעזולטאַטען, ווי אינ׳ם קערפּערליכען, אַזוי אויך אינ׳ם גייסטיגען לעבען. שלעכטע לעבענס-בעדינגונגען זענען די אורזאַכע פון ניט גוט ענטוויקעלטע מענשען אי קער-פּערליך אי גייסטיג. דער פועל-יוצא דערפון איז: די ריכטיגע אָנווענדונג פון די נאַטור-געזעצען, וועלכע טראָ-גען דעם נאָמען דאַרוויניזם, אויף דעם מין-מענ-שען, דאַרפען שאַפען אַנדערע מענשען וויבאַלד נור ס׳וועט איינגעפיהרט ווערען אַנ׳אַנדער סאָ-ציאַלע לאַגע, וועלכע ס׳וועט פּראַקטיש מעגליך זיין—לויט מאַרקס׳ס לעהרע—אין דער צוקונפ-טיגער סאָציאַליסטישער מלוכה״.

G. Roux:

מאַן־און ווייב־לעבען ביי חיות.

I.

„די פאָרם פון פאמיליען־לעבען, האָט געזאָגט נאפּאָלעאָן, הענגט ס׳רוב אָב פון כאראקטער, פון די זיטען״. אָט דער געדאנק איז פונקט אזוי גוט צוגעפּאסט אויך צום געזעלשאפטליכען לעבען ביי חיות, ווי ביי די מענשליכע געזעלשאפטען. סיי ביי די, סיי ביי יענע האָבען די געלעהרטע, נאָך לאנג־יאָהריגע אויפמערקזאמע בעאָבאכטונגען, ענטדעקט די זעלבינע פאָרמען פון געשלעכטס־לעבען: מאָנאָגאמיע (איינווייבעריי), פּאָליגאמיע (פיעל־ווייבעריי) און געמישטע פאָרמען. ברעהם, שמארדא, קארום האָבען דאָס דערוויזען מיט אָהן א צאָהל ראיות.

די זאָרג פאר די קינדער מיט דער בעדערפניש אויפצוהאלטען דעם מין—איז כמעט שטענדיג דער סימן, וואָס כאראקטעריזירט די געזעלשאפט. דערזכר און די נקבה פערהיטען און בעשיצען צוזאמען דאָס קליינוואַרג, ביז עס ווערט ניט זעלבסטשטענדיג, ביז עס ווערט ניט אומשטאנד אליין צו שאפען זיך שפּייז און ארויסצודרעהען זיך פון א צרה. אין זעהר א סך פאמיליעס אונזערע געהט עס אזוי צו, אז די עלטערען פערלאָזען דאָס קינד, ווען עס ווערט שוין פערזיכערט מיט א קאריער, אָדער דאָס קינד אליין ווארפט דאן אוועק די עלטערן.

אָט דאָס געפיהל צו פערוואָהרענען דעם עצם מעצמו ובשר מבשרו — בילדעט אַ בעזונדערע אייגענשאַפטביי די חיות. בוכנער שטעלט די מוטער-ליעבע ביי חיות אויף דער זעלבער מדרגה ווי ביים מענשען. אַפּרוי וועט זיך אַריינוואַרפען אין פייער בכדי אַרויסצורייסען פון דאָרטען איהר קינד און אַליין אומצוקומען אין די פלאַמען. אָבער אָט די אייגענע זעלבסט־אָפּפערונג איז אין דער אמת׳ן ניט העלדישער איידער די זעלבסט־אָפּפערונג פון אַ שטאָרך־אַ מוטער (אַ בוטשאַן, אַ בושעל), וואָס וואַרפט ניט אַוועק איהר נעסט אין פייער און שפּרייט אויס, אויף וויפיעל זי קאָן, איהרע פליעגלען אויף איהרע קינדער, בכדי זיי צו בעשיצען. ס׳איז ניטאָ קיין וואונדערליכערע זאַך ווי די אויפפיהרונג פון אַ זי-אַ העלפאַנד, ווענען וועלכער עס דערצעהלט דער געלעהרטער שווײנפורט. אום זי צו פאַנגען, האָבען די יעגער אונטערגעצונדען די בוימלעך, וואוהין זי איז אַנטלאָפען מיט איהרע קינדער. זי האָט אַלע כחות אָנגעשטרענגט זיי צו ראַטעווען: זי האָט מיט׳ן נאָז אָהן אויפהער גע־שעפּט וואַסער און געשפּריצט אויף זיי, לויפענדיג ווי אַ צעמישטע און אַרויסלאָזענדיג האַרצרייסענדע פערצווייפלונגס־געשרייען.

די געלעהרטע לאַסעפּעד, קיוויע, וואַלענסיען און סעליי בעהויפּטען, אַז פיש האָבען אייגענשאַפטען, וואָס זענען עהנליך צו עלטערן-ליעבע און מאַן־און ווייב־איבערגעגעבענקייט. דער שטעכעלפיש, דער „ער״, הגם ער לעבט אין פּאָליגאַמיע, דאָך נעהמט ער אַ העכסט אַקטיווען אַנטייל אינ׳ם בויען דעם נעסט, וואו די „זי״ דאַרף לעגען איהרע אייער. די מעלות פונ׳ם פאָטער שטייגען, דעם אמת זאָגענדיג, אַריבער די מעלות פון דער מוטער. זיין זאָרגען און אייפריגע פלייסיגקייט איז אָהן אַ ברעג, הן בנוגע דעם היטען די רויגען, הן ביים אָבטרייבען די שונאים, וואָס לויערען אויף זיי. ער ווייזט אַרויס אַזא לעבעדיגע איבערגע־

בענקייט און זאָרג וועגן דער פאַמיליע, אַז בעת די קליינע פאַלען אַמאָל אַריין צו אַ שונא, רייסט ער זיך מיט דער זי, אַזוי ווי ער וואָלט איהר בעשולדיגען אין דעם אונגליק, פונקט ווי אויף איהר וואָלט ליגען דער חוב צו היטען די קינדער. דער געלעהרטער פיקטע דערצעהלט, ווי דער ער ביי די ים־פערד און אַנדערע ים־פיש בעשיצט מיט וואונדערליכען שכל צוזאַמען מיט דער זי זייער נעסט. האַטשינסאָן ווייזט אויף, אַז די גרויסע לאַקסען פון טייך אָרעגאָן (אין אַמעריקא), נעהמען אויף זיך די אחריות פון בעשיצען דעם נעסט אויף אַזאַ ריהרענדען אופן, פונקט ווי די התחיבות פון אַ געשלאָסענעם פערבאַנד. זיי גראָבען אין זאַמד אויפ'ן דעק טייך גריבער און בעהאַלטען זיך דאָרטען, בכדי אָב־צוהיטען און אָנצופאַלען אויף די אונערבאַרעמדיג־בייזע פיש פאָרעלען, וואָס לויערען אויף די אייער. אפטמאָל בעוואָהרענט דער לאַקס, דער זכר, די „זי" — צו צוגרייטען אַנ'אָרט, וואו אָבצושטעלען זיך. די איבערגעבענקייט פונ'ם „ער" צו זיין חברתה איז אַזוי גרויס, אַז ער געהט פאַר איהר אין די גרעסטע געפאַהר. אמת, אַז דאָ שפּיעלט אַ ראָלע מעהר די אייפערזיכט. די דאָזיגע גרויסע אַמעריקאַנער לאַקסען שווימען מחנות'ווייז, און, ווי אין יעדער געזעלשאַפט, קומען צווישען זיי אָפט פאָר קריג, רייסעניש און מלחמות איבער אַ „זי". ווען זיי דערזעהען זי, וויל יעדערער גלייך בעקומען זי אַלס אייגענטום און זיי וואַרפען זיך צוליעב דעם אַריין אין די בלוטיגסטע מלחמות, דער פעהיג־סטער און דער שטאַרקסטער זיעגט און בלייבט איהר בעהערשער, לויט דעם דער נאַטור־געזעץ פון אָבקלייבונג *), וואָס דאַרווין

---

*) דער נאַטור־געזעץ פון אָבקלייבונג בעשטעהט דערין, אַז אין דער מלחמה פאַר'ן לעבען זיגט אַלע מאָל דער שטאַרקערער, דער פעהי־גערער, וואָס איז מעהר צוגעפאַסט צו די בעדינגונגען פון דער סביבה, און אויף אַזאַ אופן ווערען אָבגעקליבען, בלייבען איבער וואָס ווייטער

האָט דערוויזען. וואָס אַנבעלאַנגט די בעזיגטע, איז אויב זיי זענען ניט דער׳הרג׳עט געוואָרען, טרעטען זיי אָב אין א זייט און וואַרטען אויף א גליקליכערע געלעגענהייט.

א בעוואוסטער פיש פונ׳ם ים־טבריא אין ארץ ישראל האָט אפילו פערדיענט דעם נאָמען פאמיליען־פאָטער. זיינע בעפרוכטעטע אייעלעך פערבעהאַלט ער אין זיין מויל און דער־נעהרט זי׳ דאָרט. די פיש, וואָס רופען זיך „לבנה־פיש״, וואָס געפינען זיך אָהן א שיעור אין די טייכען פון שטאַאט ניו־יאָרק, וויזען אויך ארויס אַזעלכע אייגענשאַפטען. ליגענדיג איינגעגר־רעט אינ׳ם געלבליכען זאמד, וואו די „זי״ וואַרפט די רויגען, קוקט דער „ער״ זיך ארום און האָרכט זיך אויפמערקזאם איין, וואָס עס קומט פאָר אין דער סביבה. באַלד דערוועגט ער זיך ארויסצושווימען פון זיין בעהעלטעניש אויף דרויסען, אונטער די זונען־שטראַלען, וואָס מאַכען פינקלען זיינע שופּען און פלוס־פעדערען, צוליעב וואָס די רויב פיש קענען איהם לייכט בע־מערקען, און ער שווימט אַזוי פאָרזיכטיג פון אויבען, פערהיטענדיג און בעשיצענדיג זיין אוצר; — און באַלד האָט ער ווירקליך א רויבער בעמערקט, און ער לאָזט זיך צו איהם גלייך אַנטקעגען מיט אנ׳אמת׳ן צאָרן, וועלבען ער דריקט אוים קלאַפּענדיג מורא׳דיג מיט׳ן עק אָן וואסער, און דאַן הויבט זיך אָן צווישען זיי א פערביטערטער, פערצווייפעלטער געשלעג.

ביי געוויסע מינים איז דער פאָטער־געפיהל מעהר ענט־וויקעלט איידער די מוטערשאַפט, און דעריבער קומט דעם ער אָפּט אוים געגען דער זי צו בענוצען זיך מיט זיינע רעכטען פון א בעשיצער פונ׳ם קליינ־וואַרג. אָבער די דאָזיגע ראָל איז פונ־דעסטוועגען ניט די אייגענשאַפט פון אַלע מינים פישען. די

אַלץ מעהר ענטוויקעלטע, העכערע אַרטען, מינים און קלאַסען, סיי אין דער טיער־וועלט, סיי אין דער וועלט פון די פלאַנצען.

נידעריגע אַרטען פיש, וואָס לעבען אין געמישטע מאַן־און ווייב־פּאַרמען, וואַרפען געווען גערן אוועק די זי נאָך פּאַר׳ן אייער־לעגען. מען ערקלערט די דאָזיגע אונגעטריישאַפט דערמיט, וואָס אָט ביי די מינים איז דער אָרגאַניזם אזוי איינפאַך, און דאַרף אזוי ווייניג האָבען, אז דער נייגעבאָרענער פיש קען פון דער ערשטער שעה אָן פון זיין עקזיסטירען שטעלען זיך דרייסט אין די ,,מלחמה פאַר׳ן לעבען״. און דאָך וועט אַלע מאָל איבערבלייבען אַ גענוג גרויסער טייל, אום דער מין זאָל ניט אויסשטאַרבען אינגאַנצען. די זי׳ען וואַרפען שטענדיג אָן אזוי פיעל רויגען, אז בכדי צו פערזיכערן די פאָרטזעצונג פונ׳ם מין, דאַרפען גאָר דער ער און די זי ניט אזוי ציטערן און פלאַטערן איבער׳ן קליינוואַרג, זיי קענען זיך אַפילו לגמרי בעפרייען פון יעדער שטרענגער השגחה איבער זיי.

פערקעהרט, ביי פיש מיט אַ העכערער ענטוויקלונג פון אָרגאַניזם, אויך אינ׳ם קלאַס אַמפיביען *) און שראַצים, בע־מערקט מען אַ טרייען פאַמיליען־לעבען צווישען די עלטערן. זיי פאַלגען פונקט אזא נאַטירליכען געזעץ, וואָס הערשט אויך אין די מענשליכע געזעלשאַפטען. דער שלום־בית פוןביידע גע־שלעכטער עקזיסטירט לכל הפחות אין משך פון אַ בעשטימטער צייט פון יאָהר און די אחריות, וואָס זיי פיהלען, ווערט פון ביידע צדדים געאַכטעט און שטרענג אָבגעהיט. די זי בעשטימט זיך צו היטען די אייער און דער ער — זיי צו בעשיצען פון אָנפאַלען. אָט די אייגענשאַפט בעגעגענען מיר סיי ביי די נידיריגערע אַרטען זויג־חיות, סיי ביי געוויסע העכערע מינים.

גור דעם בעסטען ביישפיעל, וואו דאָס פאַמיליען־לעבען איז אזוי טריי און הויך ענטוויקעלט ווי ביי די מענשען, געפינען מיר

*) אַמפיביען—ברואים, וואָס לעבען אי אויף דער ערד, אי אין וואַסער.

ביי די פויגלען. אויסער עטליכע זעלטענע אויסנאַהמען, זענען זיי אַלע גרויסע בריות צו פיהרען אַ בעל־הבתיש׳קייט. די דאָזיגע בעוואוסטזיניגקייט איז אַפּילו מעהר ענטוויקעלט ביי די פויגלען־מינים, איידער ביי די זויג־חיות. די געלעהרטע ברענגען אַ סך פאַקטען, וואָס בעווייזען, אַז ביי דעם פויגעל איז דער פאַמיליען־לעבען און אויך דאָס פאָטער־געפיהל נאָך פיעל שטאַרקער איידער ביים מענשען. דער גרעסטער טייל זכרים, אין שטייגער אויף דער פרייהייט, זענען צוגעבונדען צו ווייב און קינד מיט לייב און לעבען און הערען אויף אַ מינוט ניט אויף צו זאָרגען וועגען זיי. דער צובונד פון מאַן און ווייב ביי געוויסע טיילען פויגלען געדויערט גאַנץ אָפּט אַפּילו זעהר לאַנג. אום צו דערווייזען דאָס, האָט דער נאַטור־פאָרשער בענעט איבערגעגעבען אַ פאַקט מיט אַ פּאָר ענטלען, אַ ער און אַ זי, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט אַ זעלטען טיעפער ליעבע. איינמאָל האָט מען אוועקגעטראָגען די זי אין אַנ׳אַנדער אָרט צו זעצען איהר אויף אייער. פאַר׳ן ער איז די דאָזיגע צושיידונג געווען אַזוי שווער, אַז ער איז באַלד אָבגעצעהרט געוואָרען; ס׳איז געווען אַ רחמנות עס צוצוזעהן. אָבער ווען מ׳האָט איהם צוריק אומגעקעהרט זיין זי, איז דאַן פאָרגעקומען אַ ריהרענדע סצענע פון הייסע ליעבע און צערטליכקייט. בילע דערצעהלט אין זיין בוך „די פויגלען פון ניי־זעלאַנד״ וועגען אַ פּאָר פאָלק „גאָלד־פויגלען״, וואָס האָבען געקענט דיענען פאַר אַ מוסטער פון פאַמיליען־לעבען. דער ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען בעת אַ יאַכט, די זי איז פון טיעפען טרויער איבער דעם זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען, האָט ניט צוגענומען קיין שפייז און איז סוף כל סוף פון גרויס צער אויסגעגאַנגען. — ס׳איז אויך בעקאַנט דער שרעקליכער טרויער ביי די טורטעל־טויבען, ווען עס שטאַרבט איינער פונ׳ם פּאָר פאָלק, די פּאַפּוגייען־זי׳ען און

אנדערע פויגלעך לעבען ניט איבער זייערע ער׳ן. דאָ איז די ליעבע שטאַרק ווי דער טויט, ניט קיין ליטעראַרישע מליצה, אָבער די טראַגישע ווירקליכקייט.

מאַן-און ווייב-לעבענס ביי חיות קומען ניט פאָר דורכאויס דוקא צווישען אינדיווידען *) פון איין און דעם זעלבען מין. דאַרווין בעטראַכט א כך פאַלען פון געשלעכטס-לעבען צווישען פערשידענע אַרטען אין ווילדען צושטאַנד. ער ברענגט א פאַקט פון ליעבע און געשלעכטס-לעבען צווישען צוויי פויגלעך פון פערשידענע אַרטען, אַ דראָסעל און אַ גייער. זיי האָבען זיך צערטליך געליעבט און געהאַט צוזאַמען קינדערלעך. געמישטע פעראייניגונגען צווישען ענטלעך פון פערשידענע משפחות זענען אַלעמען גוט בעקאַנט. דער זאָאָלאָגישער גאָרטען אין לאָנדאָן האָט אין א משך צייט פערמאָגט פאַזאַנען, געבאָרענע פון געמישטע אַרטען. דער געלעהרטער דיקסאָן האָט איבערגעגעבען וועגען דעם צוזאַמענלעבען פון גענז פון לגמרי פערשידענע אַרטען. כ׳ען בעמערקט אויך צווישען פערשידענאַרטיגע שוואַלבען אַ טרייען מאַן־און ווייב־לעבען, וואָס ווערט קיינמאָל ניט איבערגעריסען. די פאָרעלעך פון פערשידענאַרטיגע וואָראָבייטשיקעס צושיידען זיך אויך קיינמאָל ניט: זיי פליהען צוזאַמען אַוועק אין די וואַרימע לענדער, קומען צוזאַמען צוריק אין פריהלינג און פערנעהמען זיך, מיט דער זעלביגער זאָרג ווי אין פאָריגען יאָהר, מיט׳ן בויען דעם נייעם נעסט.

II.

די אינטערעסאַנטסטע פראַגע אינ׳ם מאַן־און ווייב-לעבען ביי חיות בעשטעהט דערין, צי האָבען די חיות מעהר נייגונג צו מאָנאָגאַמיע אָדער צו פּאָליגאַמיע. נאָך דאַרווינ׳ס מיינונג, איז

*) אינדיווידום -- איינצעלנע בריאה.

אויסער געוויסע זויג-חיות און איינינע פויגלעך, וואָס זענען שוין פערפאַלענע פּאָליגאַמיסטען, געהערען אָבער יענע אַלע אַנדערע מינים חיות, וואָס ער האָט די געלעגענהייט געהאַט צו ערפאָר־שען און אויסצושטודירען, צו דעם מאָנאָגאַמישען סיסטעם. ער גיט צו, אַז קיינמאָל האָט ער ניט בעגעגענט קיין פּאָליגאַמישע גריזונעס און אינזעקטען־פרעסער *); אפילו דער שטשור, וואָס האָט אין דער הינזיכט אזא שלעכטען נאָמען, האָט בכלל אויך ניט קיין הארעם. צווישען די פליישׂ־עסער איז נור דער איינציגער לייב אַ פּאָליגאַמיסט; איינינע רויב־פויגלעך, וואָס בעזוכען די ברעגען פון ים פּראַקטיקירען אויך דעם דאָזיגען מנהג. האָטשינ־סאָן מאַכט אַנ׳אָנמערקונג פון זיין זייט, אַז דאָס זעברא-פערד, די זשיראַפע, דער טיגער, דער אַמעריקאַנער ווילדער אָקס, זענען אַלע מאָנאָגאַמיש סיי אין ווילדען, פרייען צושטאַנד, סיי אין געפאַנגענשאַפט. די אַנטילאָפּיעס **), איין מאָל פעראייניגט זיך, דער ער און די זי, לעבען זיי שוין אַזוי אָב דאָס גאַנצע לעבען. אַ געפאַנגענעם זעברא־פערד האַלט זיך אָב פון קינדער האָבען און ווערט אפילו לגמרי אונפּרוכטבאַר, ביי אַזעלכע בעדינגונגען. דער געלעהרטער פינק בעהויפּטעט, אַז געוויסע מינים חיות ווערען פּאָליגאַמיש, נראד ווען זיי ווערען הויז־טיערען: „אַ ווילדע גאַנז, זאָגט ער, לעבט אין מאָנאָגאַמיע; פּאָליגאַמיש ווערט זי נור, ווען מען מאַכט זי הויזליך״.

ברעהם, דאַרווין און קלאָ ווילען האָבען, אַז וואָס מעהר אַ חיה האָט צו זאָרגען וועגען דער צוקונפט פון איהר מין, אַלץ מעהר איז זי געניינט צו מאָנאָגאַמיע. דער דאָזיגער אינסטינקט

---

*) גריזונעס — חיות, וואָס גריזען, למשל, וועווערקעס, האָזען, מייז און אַנדערע. אינזעקטען — שרצים׳לעך, וואָס האָבען מעהר ווי פיער פיסלעך; אינזעקטען־פרעסער — חיות, וואָס נעהרען זיך מיט אינזעקטען.

**) אַנטילאָפּע — אַ מין הירש.

איז אַ מין ערפאַהרונג, וואָס ווערט ערוואָרבען און איבערגעגעבען פון דור צו דור. וואָס ווייניגער קינדער דער מין האָט, אַלץ מעהר זאָרג און השגחה פאָדערט ער, אום ער זאָל ניט אויסשטאַרבען. איין ער, וואָס וואָלט האָבען צו פערנעהמען זיך מיט די קליינ־וואַרג פון אַ סך זי׳ען, וואָלט דאָס ניט געקענט דערגרייכען.

דאַרווין זעהט אפילו אין אזא מין פערשטאַנדיגקייט ביי די חיות פערשיידענע אופנים פונ׳ם אויפהאָדעווען די קינדער. די דאָזיגע פערשיידענהייטען האָט מען בעמערקט פון איין זייט ביי געוויסע קלאַסען אינזעקטען און נידעריגערע פישען, וואָס זייערע אייער צעהלען זיך אין די טויזענדער. און פון דער צווייטער זייט ביי געוויסע מינים זויג־טיערען, וואָס פערמאָגען נור אַ קליינע צאָהל פון זעקס ביז צוועלף, – פון וועלבע אַ העלפט לכל הפחות קומט אום אין אַ קורצע צייט נאָכ׳ן געבאָרען ווערען.

בארלעט, וועלכער האָט גענוי געשטודירט אַ געוויסען מין פויגלעך, וואָס רופען זיך לאַפּאַפּאָרען, האָט בעמערקט אין איינעם אין דעם זעלבען פויגעל־שטייג, אַז הגם די זכרים זענען פאָליגאַמיש, פונדעסטוועגען קענען זיי פּאַקטיש געברויכען נור איין זי, מחמת אויב דער ער וואָלט האָבען צווי זי׳ען, וואָלטען זיי זיך נאָכאַנאַנד געריסען צווישען זיך. און צוריק רעדענדיג, איז גאַנץ פערשטענדליך, פאַר וואָס צו פאָליגאַמיע איז אָפטער נוטה נור דער ער, ווייל די זי לאָזט ניט דורך קיין איינציגע געלעגענהייט, וואו זי זאָל איהם ניט רייצען מיט איהר לייכט־זיניגקייט.

בשעת דער מענש האָט אַמאָל צוגעוועהנט צו זיך געוויסע מינים חיות, צוםביישפיעל דעם פערד, דעם חזיר, די קוה, דאַן האָט ער זיי געצוואונגען צו פאָליגאַמיע, בכדי זיי זאָלען איהם האָבען וואָס מעהר קינדער און צו בעקומען פון זיי וואָס מעהר ריוח. אָבער אַמו די הויזליכע מינים בילדען נור אַ מינדערהייט ;

ד׳גריבער קען מען נאָך זיי ניט בעקומען קיין פינקטליכע מיינונג. ס׳איז קיין צווייפעל ניט, אז פּאָליגאַמיע טראָגט איין אַ בעסערן פּראָפּיט דעם בעל הבית. וואָס האָדעוועט בהמות, ווייל די קינדער שטעהען דאָ אויף אַ העכערער שטופע פון ענטוויקלונג. אַ סך טיפען פון אונזערע הויז־טיערען האָבען דערגרייכט אזא הויכע שטופע פון זייער פיזישער ענטוויקלונג, ענערגיע און פער־שטאַנדיגקייט, נור אַ דאַנק דער פּאָליגאַמיע. איבעריגענס איז דאָ די פּאָליגאַמיע דער מעגליכסטער צוגאָב פאַר דער נאַטירליכער אָבקלייבונג, ווייל דורך דעם ווערען אָבגעקליבען די געזינדערע, שטאַרקערע זכרים און נקבות וואָס זענען פעהיג אַרויסצוגעבען אַ דור, וועלכער זאָל בעזיצען אַלע בעסטע מעלות פון זיין מין.

דאָס צוגעוועהנען חיות קומט אַרויס פונ׳ם נאַטירליכען צושטאַנד. דאָס מאַכט די פּאָליגאַמיע פאַר אַ נויטווענדיגען חוב. מיר האָבען שוין געזאָגט, אז געוויסע מינים חיות נעהמען ניט אָן דעם דאָזיגען נויטווענדיגען חוב. די אַקלימאַטיזאַציאָנס־גערטענער *) האָבען פיעל מאָל געמאַכט פּראָבעס אין דער הינזיכט. דער טיגער, דער לעאָפּאַרד, דער וואָלף, דער פוקס, דער שאַקאַל (אַפריקאַנישער וואָלף), דער ווילדער חזיר, די אַנטילאָפּיע, דער ביבער, די מענשען־עהנליבע מאַלפּע --- אַלע ווילען זיי אויף קיין פאַל ניט זיין קיין צוויי־ווייבערניקעס. די טויבען אפילו זיינען אויך ניט אזוי לייכטזיניג, ווי מען זאָגט. אויב עס זענען דאָ ער׳ן, וואָס בעזוכען גערן אַלע זי׳ען אינ׳ם שלאַג, גיבט עס אָבער אויך פּאָרלעך, וואָס עס קלעקט אייניגע צייט זיי אָבצוזונדערן איינע פון דער אַנדערער, אום זיי זאָלען זיך אָבגעוועהנען פונ׳ם לעבען געמישט, און דאָס זענען גראָד

*) אַקלימאַטיזאַציאָנס־גערטנער --- גערטנער, וואו מען געוועהנט־צו חיות און פלאַנצען פון איין קלימאַט צו אַנ׳אַנדערען.

יענע, וואָס גיבען אַרויס אַ דור מיט שענערע פינקעלדינערע פעדערן און מיט אַ קענטיגערער קראַפט. דער האָרנפויגעל, וואָס איז דער סאַמע געזעצטער און שטאַנדהאַפטיגער צווישען די זכרים, קען אויך דיענען דערצו פאַר אַ ביישפיעל. ער גיט זיך איבער בלויז איין זי און דערוויטערט זיך פון אַלע איבעריגע, אפילו ווען יענע זוכען איהם צוצוציהען מיט קאָקעטישע שטיק. דער זי, וואָס ער האָט אויסדערוועהלט, וויזט ער אַרויס נאָר די ליעבשאַפט און טרייקייט, און ווענען די קליינע, וואָס זי האָט איהם געבראַכט, זאָרגט ער מיט דער גרעסטער צערטליכקייט. ער לאָזט זיין ווייבעל ניט אַרויס פון נעסט אין משך פון דער גאַנצער צייט, ווען זי זיצט אויף די אייער.

דער פּאַפּוגיי פון דער אינזעל מאַדאַגאַסקאַר, וואָס מ'האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „פויגעל פון ליעבע", איז נאָך איבערגענעבענער, געטרייער און מאָנאָגאַמישער. ער שטאַרבט, ווען זיין זי וואַרפט איהם אַוועק אָדער ווען זי הערט אויף צו לעבען, און אויף אַזאַ אופן גיט ער אַ ביישפיעל, וואָס דאַרף פערשעמען די מענשליכע פאַמיליע, וואו די פערצווייפלונג ביים מאַן אָדער ביי דער ווייב, ווען איינער פון זיי שטאַרבט, געדויערט ניט לענגער ווי פון אסתר־תענית ביז פורים.

דאָך פונדעסטוועגען דאַרף מען ניט מגזם זיין די מאָנאָ־גאַמישע מעלות פון געוויסע חיות. מען דאַרף אפילו אנערקענען, אַז זייער סאָציאַלע לאַגע איז איז אייגענטליך גאָר ניט גינסטיג פאַר מאַן־און ווייב־טרייהייט. און דאָס האָט נאָך נאַפּאָלעאָן פערשטאַנען: דאָס ווענדעט זיך אָן די זיטען, זויג־חיות אָדער פויגלעך, אָט זיי אַליין גיבען זיך איבער דער ווען די פּאָרעלעך זענען אָבגעזונדערט,— איז אָבער זיי גופא גיבען זיך איבער דער פּאָליגאַמיע און אויך געמישטע פאָרמען פון געשלעכטס־לעבען, אפילו אין ווי'לדען צושטאַנד, ווי נור זיי געפינען ך פעראייניגט

אין אַ מחנה. דערפון קען מען בעשליסען, אַז ביי די חיות איז די פאָרם פון פאַמיליען־לעבען כמעט אַלע מאָל דער פראָדוקט פון די פערשידענע אומשטאַנדען. דאָס איז סוף כל סוף אַ פראָצעס פון צופּאַסען זיך צו דער סביבה, וואָס איז איינציג און אַליין בעשטימט געוואָרען דורך די בעדינגונגען פון דער מלחמה פאַר'ן לעבען. אָט די דאָזיגע פאָרמען פון מאַן־און ווייב־לעבען ביי חיות אונטערשיידען זיך פון די מענשליכע פאָרמען: מען טרעפט זיך אויף, מען געפעלט זיך, מען פעראייניגט זיך, מען צושיידעט זיך ווידער, און מען ווערט פון גורל געטריבען צו נייע ברעגען, אין נייע לענדער. די פאַמיליען־לעבענס ווערען געשלאָסען און ווערען צושטערט און מען נויטיגט זיך נישט אין קיין רב, וואָס זאָל זיי זיין ברכה געבען, און ניט אין קיין דיין, וואָס זאָל זיי אַ גט שרייבען.

פון פראַנצויזיש א. י. קרייצבורגער.

■ ■ ■

ס'זענען אַרויס פון דרוק און פערלאַג
„פאָלקסבילדונג"
אונטער די רעדאַקציע פון א. ליטווין
פאָלגענדע ווערק:

פרייז		No.
	דר. י. בלומשטיין, „דער דאַרוויניזם און זיין טעאָריע"	1 -- 2
	פראָפ. ג. רוה,	
20 ס.	„מאַן און ווייב־לעבען ביי די חיות"	
	ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן, „וואָס איז קונסט?"	3
10 ס.	איבערז. דורך ה. קאַלמאַנאָוויטש	
	עלען קעי, „די שולע פון דער צוקונפט"	4 -- 5
20 ס.	איבערז. דורך י. גאָלדשמידט	

עס דרוקען זיך און קירצליך ערשיינען:

	פראָפ. אַרנאָלד דאָרעל, „די רעליגיאָן פון דער צוקונפט" איבערז. דורך ח. שאָוס	6.
	א. ליטווין, „קאַפּיטלאַך היסטאָריע" (די רעוואָלוציע פון די מאַקאַבעער און דער העלד פון דער ספירה)	7 -- 8
	ס. קאַמענעצקי, „וואָס איז אזוינס לקוי חמה?" (א פּאָפּולער אסטראָנאָמישער שמועס)	9

צו קויפען ביי דעם:
YIDDISH LITERARY VERLAG
256 East Broadway New York, N-Y.